STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04883

# 50 YOR FORVERTS

S. D. Levine

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Shulamis Levin Friedman*
*in memory of*
*Yankev & Rivke Levin*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# 50 יאָר
# „פאָרווערטס"

די ראָל פון „פאָרווערטס"
אין דעם אידישן לעבן:
פאַקטן, פאַטאַסטאַטן און ציטאַטן

פון
ס. ד. לעווין

ניו יאָרק, 1948

פרייז: 35 סענט

# די גרינדונג פון „פאָרווערטס"

דעם 22טן אַפּריל, 1947, איז געוואָרן 50 יאָר זינט עס איז געגרינ־דעט געוואָרן דער „פאָרווערטס".

דער „פאָרווערטס" איז אַ גרויסע און רייכע צייטונג. ער איז אָבער געגרינדעט געוואָרן פון אָרעמע מענטשן. קלאָוקמאַכער, שניידער, שיך־אַרבעטער און סיגאַר־מאַכער האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעצטע סענטן צו גרינדן די צייטונג. אַרבעטער האָבן פאַר'משכנ'ט זייערע זייגערלעך, אַוועקגעגעבן זייערע חתונה־רינגלעך פאַר דעם פאָנד אויפצוהאַלטן די דאָזיגע צייטונג אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ.

דער „פאָרווערטס" איז געקומען אויף דער אידישער גאַס אין אָנ־הויב פון דער גרויסער מאַסן־אימיגראַציע פון אידן קיין אַמעריקע.

די ערשטע אידישע אימיגראַנטן זיינען געווען זייער אָרעם. זיי זיינען געווען שרעקלעך עקספּלואַטירט אין די סוועט־שעפּער, אָדער זיי האָבן געמאַכט אַן אָרעם לעבן פון פּעדלעריי און קליין־האַנדל.

אייניגע פון זיי זיינען געווען אַקטיווע רעוואָלוציאָנערן אין צאַרישן רוסלאַנד. זיי זיינען אַנטלאָפן פון פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען, און געקומען קיין אַמעריקע, וואו זיי האָבן געהאָפט פריי פאָרצוזעצן זייער אַרבעט פאַר זייערע הייליגע אידעאַלן.

די „אָבענד־בלאַט", דער אָפיציעלער אידישער אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס האָט עקזיסטירט אין יענער צייט, איז, ווי די פּאַרטיי, געווען זייער סעקטאַנטיש.

צוליב איר פּאָליסי, אַז די טרעיד יוניאָנס מוזן זיין סאָציאַליסטיש, האָט אָט־די פּאַרטיי געשטערט דער ברייטער אָרגאַניזירונג פון די יוניאָנס. עס זיינען אויך געווען אַנדערע פּאָליסים, מיט וועלכע אַ גרויסע צאָל מיט־גלידער זיינען ניט געווען צופרידן. דער „פאָרווערטס" איז דאַן געגרינ־דעט געוואָרן אַלס אַן אָפּאָזיציע־צייטונג, געשטיצט פון די אָפּגעשפּאָל־טענע עלעמענטן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (ס. ל. פּ.) און אַנדערע.

אויף דער פּאָדערבלאַט פון „פאָרווערטס" איז אַרויפגעשטעלט גע־וואָרן די מאָטאָ: „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניגט אייך", און „די באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער איז די זאַך פון דעם אַרבעטער זעלבסט". שיינע לאָזונגען. דער „פאָרווערטס" איז ניט געגרינדעט גע־וואָרן צוליב פּראָפיטן, נאָר כדי צו העלפן די אידישע אַרבעטער־מאַסן קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן און פאַר דער פאַרטיידיגונג פון סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן אידן.

איצט, צום 50־יאָריגן יובילעי פון „פאָרווערטס", איז וויכטיג פאַר

די אידישע מאַסן אין אַמעריקע, ווי אויך פאַר די נײַ־אַריבערגעקומענע, צו באַקענען זיך גענוי מיט דער געשיכטע און אַקציעס פון אָט־דער צײַטונג, און זען, צי האָבן די מאַכן, וואָס האָבן זיך מקריב געווען צו גרינדן און אויפהאַלטן די צײַטונג, אַן אורזאַך צו זײַן צופרידן מיט איר. האָט זי דורכגעפירט די אויפגאַבע, וואָס די גרינדער און פּיאָנערן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָבן פאַר איר געשטעלט אין דער צײַט פון איר גרינדונג?

מיר פילן, אַז עס איז דער חוב פון יעדן ערנסטן געזעלשאַפטלעכן מענטשן צו שטודירן די פאַקטן און דערוויסן זיך דעם אמת.

די פאַקטן, וואָס מיר האָבן דאָ געזאַמלט און צוזאַמענגעשטעלט, באַגלײַט מיט ציטאַטן און פאַנטאָסטאַטן פון „פאָרווערטס" גופא, ווײַזן, ווי אַזוי דער „פאָרווערטס", אָנשטאָט צו דינען די אינטערעסן פון די אידישע מאַסן, איז גאָר געוואָרן אַ מיטל צו פאַרפירן די אידישע מאַסן צו דער רעאַקציע.

דער „פאָרווערטס" האָט פאַרראַטן די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם, האָט פאַרראַטן די אינטערעסן פון די אידישע און אַרבעטער־מאַסן, איז געוואָרן אַ שותּף צו די הוירסטס, מעקאָרמיקס און אַנדערע פינצטערע כּוחות אין דעם אַמעריקאַנער פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דער „פאָרווערטס" האָט די ערשטע פינף יאָר פון זײַן עקזיסטענץ דורכגעמאַכט זייער שווערע צײַטן. אַב. קאַהאַן, דער איצטיקער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט מאָרים ווינטשעווסקי, אב. קאַספּע, ל. מילער, איינער פון די גרינדער פון „פאָרווערטס", האָט פיר חדשים נאָך דער גרינדונג פון „פאָרווערטס" פאַרלאָזן די צײַטונג און איז אַוועק זוכן זײַן מזל אין אַנדערע, אַמעריקאַנער ענגלישע צײַטונגען. געקומען צוריק איז ער אין 1902.

אין משך פון דער צײַט איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון אַ טייל מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיעישאָן. די אַמאָליגע שאַפּ־אַרבעטער זײַנען אַליין געוואָרן פאַבריקאַנטן, גענומען עקספּלואַטירן אַרבעטער און געוואָרן צופרידן מיט דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. נאָר אָנשטאָט צו זײַן אָפנהערציק און זאָגן, אַז זיי גלויבן מער ניט אין סאָציאַליזם, האָבן זיי געפונען פאַר נויטיק צו פאַרבלײַבן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, נאָר פּרעדיגן אַזאַ „סאָציאַליזם", וואָס זאָל ניט שעדיגן זייער פּראָפיט־מאַכערײַ.

דער „פאָרווערטס" האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ געיעג נאָך צירקולאַציע און פּראָפיטן דורך דרוקן ביליגע שונד־ראָמאַנען, וואולגאַרע סענסאַציעס, פאַרשווייגן וויכטיגע נײַעס פון אַרבעטער־קאַמפּן און זוכן צו געפעלן די אַדווערטאַיזערס און אַרויפגעאַרבעטע גענאָסן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז גאַנץ אָפט זײַנען די „פאָרווערטס" פּאָליסים געקומען אין דירעקטן ווידערשפּרוך מיט די אינטערעסן פון די אַרבעטער־מאַסן, ווי די פאַקטן וועלכע מיר ברענגען, וועלן באַווײַזן.

# קאהאן ברענגט א נייע פרינציפּן־דעקלאראציע

באלד ווי אב. קאהאן איז געוואָרן דער רעדאקטאָר פון „פאָרווערטס", אין 1902, האָט ער דעם 15טן מערץ, 1902, אריינגעגעבן א מעלדונג אין א קעסטעלע אויף דער ערשטער זייט:

צו די לעזער:

דער מאָרגנדיגער זונטאָגדיגער „פאָרווערטס" וועט זיין אין אכט פּעידזשעס. די נייעס און אלע ארטיקלען וועלן זיין געשריבן אויף א פליינע אידישע אידיש.

אין דעם מאָרגנדיגן נומער וועט מען געפינען ארטיקלען

1) וועגן איירישע אָדער איטאליענישע קריסטן, וואָס האָבן זיך מגיר געווען צוליב מעדכען פון אידישן קוואַרטאַל. דאָס זיינען אמת'ע פּאסירונגען, מערקווירדיגע ליבעס־געשיכטעלעך.

2) וועגן אָרעמע אידן, וואָס שיקן זייערע קינדער אין קאָ־לעדזשעס און נאַיט־סקול.

3) פּראַצענטניקעס אין די סוועט שעפּער.

4) אייגענע און פרעמדע נייע אַפּטיילונגען פון מעשה'לעך ווערטעלעך, וויצן, מייסטעגס וועגן פרויען.

5) נייער ראָמאַן „פּראַצענטניקס טאָכטער".

אָט מיט דעם באַגאַזש פון „פּרינציפּן־דעקלאראציע" האָט זיך קאהאן אוועקגעלאָזן צו פירן דעם „פאָרווערטס". שפּעטער האָט ער איינגעפירט דאָס בארימטע „בינטל בריוו" און גענומען דעם דיכטער י. אדלער און אונטער דעם נאָמען „ב. קאָוונער" אוועקגעזעצט שרייבן ווייבערשע קללות פון „יענטע טעלעבענדע".

אָט־די געשיכטעס האָבן אַפּעלירט צו א געוויסן סאָרט לייענער, אָבער די מער אינטעליגענטע פלעגן זיך אָפּקערן מיט עקל פון „פאָר־ווערטס", און דער נאָמען „יענטע טעלעבענדע" איז געוואָרן דער צווייטער נאָמען פון „פאָרווערטס". מען האָט אים גערופן: „די טעלעבענדע־צייטונג".

# סקעב־אַנאָנסן

אין יאָנגעניש נאָך אַנאָנסן (אדווערטאַיזמענטס) האָט דער „פאָר־ווערטס" אין 1902 געדרוקט אדווערטאַיזמענטס פון א סיגארעטן פירמע, וואו די ארבעטער זיינען געווען אין סטרייק.

די סטרייקערס האָבן אריינגעגעבן א באריכט וועגן זייער סטרייק און דערוואַרט, אז דער „פאָרווערטס" וועט זיך אָננעמען פאר זיי. אָבער אָנשטאָט דעם האָבן זיי נאָר אויף מאָרגן געזען אין „פאָרווערטס" אָפּגע־דרוקט א גרויסן אדווערטאַיזמענט פון דעם סיגארעטן־באָס. דער אדוועור־טאַיזמענט איז אָנגעגאנגען כסדר, נאָר די ווערטער „סטריקטלי יוניאָן מעיד", וואָס זיינען פריער געווען, זיינען אויסגעלאָזן געוואָרן. די סטריי־קערס זיינען געווען דערצאָרנט געגן „פאָרווערטס".

ש. יאַנאָווסקי, רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע", דערציילט אין זיין ציימונג פון 24טן יאַנואַר, 1902, אונטערן „קעפל": „גוואַלד, נאָר אַביסעלע ערלעכקייט", ווי אַזוי די אַרבעטער זיינען געווען אַנטוישט מיטן „פאָרווערטס"־פאַרראַט. יאַנאָווסקי פאַרענדיגט: „וואו נעמט מען ווערטער אויסדריקלעך גענוג צו בראַנדמאַרקן יענע באַנדע פיקפּאָקעטס?... וואו איז געהערט געוואָרן אַזאַ לומפּעריי, אַזאַ געמיינע פאַררעטערישע האַנדלונג?"

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן האָבן געמוזט אָנפירן אַ שטאַרקן קאַמף, ביז עס איז זיי געלונגען צו צווינגען דעם „פאָרווערטס" אַרויסצואוואַרפן דעם סקעב־אַדווערטאַיזמענט.

דאָס איז ניט געווען דער איינציגער פאַל, ווען דער אַדווערטאַזמענט־דעפּאַרטמענט פון „פאָרווערטס" האָט זיך ניט גערעכנט מיט סטרייקס. אין איין פאַל איז אין די נייעס אויף דער ערשטער זייט געווען געמאָלדן, אַז עס קומט־פאָר אַ סטרייק אין אַ געוויסער פירמע, און אין די אינע־ווייניגסטע זייטן פון זעלבן נומער „פאָרווערטס" איז געווען אַ מעלדונג, אַז מען פאַרלאַנגט אַרבעטער פאַר דער דאָזיגער פירמע. דער „פאָר־ווערטס" האָט זיך דאַן פאַרענטפערט מיט אַ באַרימט־געוואָרענעם „ענט־פער", מיט אַ מעשה פון אַן „אַפּסטעירס" און אַ „דאַונסטעירס": אַז דער „אַפּסטעירס" פון „פאָרווערטס", וואו דער אַדווערטאַיזמענט איז אַריין, האָט ניט געוואוסט, וואָס דער „דאַונסטעירס" שרייבט. דער עולם האָט עס ניט געגלויבט, אָבער אַ תירוץ איז עס געווען. אין אַנדערע פאַלן האָט דער „פאָרווערטס" איגנאָרירט די פּראָטעסטן און אפילו קיין תירוץ ניט אָנגעגעבן.

דאָס זעלבע איז געווען מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער „פאָרווערטס" האָט געדרוקט גרויסע אַדווערטאַיזמענטס פון דער פאָרד־אויטאָמאָביל פירמע, ווען פאָרד'ס ציימונג, „דירבאָרן אינדעפּענדענט", האָט געפירט אַ העסלעכע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, און די אידישע עפנטלעכקייט האָט געפירט אַ באָיקאָט געגן פאָרד'ן.

אין די אידישע געווערקשאַפטן, די קערפּערשאַפט פון די אָרגאַני־זירטע אידישע יוניאָנס, פלעגן אָפט פאָרקומען שאַרפע אַטאַקעס אויפן „פאָרווערטס" פאַר זיינע פאַררעטערישע האַנדלונגען. עס איז שוין איינ־מאָל געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו באָיקאָטירן דעם „פאָרווערטס", ניט שיקן אים קיין באַריכטן און דער־קלערן אים אַלס פיינטלעך צו אַרבעטער.

נאָך איידער דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, זיינען געשיקט געוואָרן דעלעגאַציעס מיט פּראָטעסטן צום „פאָרווערטס" געגן דרוקן פאַלשע באַריכטן פון מיטינגען פון די געווערקשאַפטן. אָבער די פּראָ־טעסטן האָבן ניט געהאָלפן.

אין די באַריכטן פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן, ווי

געדרוקט אין „פרייע ארבעטער שטימע" פון 11טן יוני, 1904, ווערט איבערגעגעבן:

„פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטן, רעגולאר מיטינג אפּגעהאלטן דעם 6טן דזשון אין 96 קלינטאן סטריט. פראטאקאל פון לעצטן מיטינג אנגענומען. „עס איז באריכטעט און איבערציינגט געווארן מיט פאקטן, אז דער „פארווערטס" איז זייער פיינטלעך צו די יוניאנס און צו די געווערקשאפטן, און עס איז באשלאסן געווארן ניט צו געבן קיינע באריכטן אין „פארווערטס".

עס פארשטייט זיך, אז דאס האט ארויסגערופן א גרויסן שטורעם, און נאך א שווערן קאמף איז געקומען צו אן אויסגלייך, און דער באיקאט איז ארונטערגענומען געווארן.

## שניידער ברעכן שויבן אין „פארווערטס"

דער „פארווערטס" האט געשטיצט סטרייקס דארטן, וואו זיינע „באיעס" האבן געהאט די אויבערמאכט. ער איז אלעמאל געווען דער שטיצער פון קארופטע יוניאן־פירער, ווען ער האט געהאלפן צו פארראטן די ארבעטער. א בולט'ער פאל איז פארגעקומען אין 1913 ביי א סטרייק פון די שניידער, ווען דער „פארווערטס" האט דערפילט דעם צארן פון די ארבעטער, וואס זיי האבן דעמאנסטרירט געגן „פארווערטס", ברעכנדיג שויבן אין דער „פארווערטס"־געביידע.

פאסירט האט דאס דעם 1טן מערץ, 1913. די ניו יארקער שניידער זיינען געווען 9 וואכן אין א סטרייק געגן סוועט־שאפּ באדינגונגען און געגן אן ארבעטס־וואך פון 60 שעה. דער קארופטער יוניאן־פירער פון דער „יונאיטעד גארמענט ווארקערס יוניאן" טאם ריקערט, פון וועמעס יוניאן די שניידער האבן זיך דערנאך אפּגעשפּאלטן און געגרינדעט די אמאלגאמעיטעד קלאדינג ווארקערס יוניאן, האט ניט אנפרעגנדיג ביי די ארבעטער און אפילו ניט פארהאנדלענדיג דירעקט מיט די באסעס, דערקלערט דעם שניידער־סטרייק פאר „געסעטלט". דער „פארווערטס" איז ארוים מיט א גרויסן „קאפּ": „דער סטרייק איז געסעטלט — בראווא, שניידער". די שניידער האבן געוואוסט, אז עס איז א ליגן, אז דאס מיינט גיין צוריק צו שקלאפעריי־באדינגונגען, און זיי האבן געשטורעמט מיט פראטעסט געגן דעם „פארווערטס" און געבראכן די שויבן פון דער „פארווערטס"־געביידע. דער סטרייק איז פארגעזעצט געווארן, ביז די ארבעטער האבן געוואונען בעסערע באדינגונגען.

דער „פארווערטס" איז שפּעטער געצוואונגען געווארן צו שטיצן די „אמאלגאמעיטעד", אבער אויך דארטן האט ער געזוכט צו קריגן קאנטראל און געשטיצט דעם רעקעטיר בעקערמאן און אנדערע אזעלכע פארשוינען.

בעקערמאן, וועלכער איז געפונען געווארן שולדיג אין רעקעטירונג, איז ארויסגעווארפן געווארן פון דער יוניאן און באשטראפט געווארן

דורך דער רעגירונג. אפילו קאנסע־וואטיווע יוניאן־פירער האבן ניט איינ־מאל פארדאמט דעם „פארווערטס" פאר האנדלונגען, וואס האבן געהאלפן די שונאים פון די ארבעטער.

א ביישפיל איז געווען אין יאר 1938, ווען די „אמעריקאן לעיבאר פארטיי" האט געזאלט ארויסשטעלן דעם פארשטארבענעם ארבעטער־פירער סידני הילמאן אלס קאנדידאט פאר סענאטאר. אב. קאהאן האט אפגעדרוקט א פראוואקאטארישן ארטיקל אין דער „ניו יארק טאימס" פון 29טן יוני, 1938, און האט באשולדיגט הילמאנ'ען אין קאמוניס־טישע סימפאטיעס.

די „אמאלגאמעיטעד" האט געפירט א קאמפאניע צו ארגאניזירן ארבעטער אין דער סאוט. עס איז געווען קלאר, אז קאהאנ'ס פראוואָ־קאציע וועט העלפן די באסעס פון די שעפער. די דזשאינט באארד פון דער „אמאלגאמעיטעד קלאדינג ווארקערס יוניאן" האט אנגענומען א פארדאמונגס־רעזאלוציע געגן „פארווערטס". דער „פארווערטס" איז געווען געצוואונגען אפצודרוקן די רעזאלוציע דעם 4טן יולי, 1938.

די רעזאלוציע, אונטערגעשריבן פון לואיס האלענדער און דזש. קא־טאלאני, מענעדזשערס פון דער דזשאינט באארד; אב. מילער, סעקרע־טאר־טרעזשורער; מארעי וויינשטיין, מענעדזשער פון קאטערס לאקאל נומער 4, און אנדערע, לייענט זיך:

„מיר זיינען אנטוישט פון דעם, וואס אב. קאהאן אלס רעדאקטאר פון „פארווערטס" מאכט יד־אחת און דערשיינט אלס ארויסהעלפער פון די אפענע און באהאלטענע פאשיסטן, אפן שאפערס און רעד בעיטערס".

„אב. קאהאנ'ס דערקלערונג וועגן פרעזידענט הילמאן זיינען שעד־לעכע ליגנס. די אפן־שאפ אונטערנעמער פון דער סאוט וואלטן צופרידן געווען צו באצאלן קאהאנ'ען אן אוצר מיט געלט פאר אזעלכע סטעיט־מענטס. זיי וואלטן אזעלכע דערקלערונגען זייער גוט געקענט אויסנוצן, כדי צו אפשרעקן אומוויסנדע ארבעטער אין די אפן־שעפער געגנטן, וואו די יוניאן פירט אירע ארגאניזאציע־קאמפאניעס".

## די מסירות פון „פארווערטס"

מסירות געגן פראגרעסיווע יוניאן־פירער אדער געזעלשאפטלעכע טוער, אז זיי זיינען קאמוניסטן, זיינען ביים „פארווערטס" א געוויינלעכע זאך. אט איז דער „פארווערטס" ניט לאנג צוריק ארויס מיט אן אטאקע אויף דעם אמעריקאנער אידישן קאנגרעס, וועלכער פירט אן א קאמף געגן אנטיסעמיטיזם און געגן דער „דעילי ניוס". דער „פארווערטס" האט געשריען, אז דער אידישער קאנגרעס ווערט קאנטראלירט פון קא־מוניסטן.

קאגלינ'ס בלעטל, דער „טאבלעט", וואס האט שוין איינמאל איבער־געדרוקט פון „פארווערטס" פאגעלמאנ'ס טרויעריג־בארימטן ארטיקל, אז קאמף געגן אנטיסעמיטיזם איז א „קאמוניסטישע מאכערייקע", האט

דעם 10טן מאי, 1947, איבערגעדרוקט פון דעם ענגלישן קעסט־קינד פון „פאָרווערטס", „ניו לידער", מסירות אויף דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, אַז ער איז, הייסט עס, אָנגעשטעקט מיט קאָמוניזם.

דער „פאָרווערטס" האָט אין דער אויטאָמאָביל־אַרבעטער יוניאָן געשטיצט קאָגלינ'ס אַגענט, האָמער מאַרטין, וועלכער איז דאַן געווען פּרעזידענט פון דער יוניאָן, און די אַרבעטער האָבן געגן אים געפירט אַ קאַמף. אַלע ווייסן איצט, אַז מאַרטין האָט געדינט די אינטערעסן פון דער פאָרד קאָמפּאַני. לעצטנס איז ער אפילו אַרויסגעטראָטן אַלס רעדנער פאַר דעם שקלאַפן־געזעץ געגן אַרבעטער אין מישיגען.

אין פּעטערסאָן, ניו דזשוירזי, געדענקען נאָך די וועבער־אַרבעטער דעם פאַראַט פון „פאָרווערטס" אין צייט פון וועבער־סטרייק אין 1913.

דער סטרייק איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם באַרימטן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־פירער ביל העיוואוד און דער אָרטיגער פירערין פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, עליזאַבעט גורלי פלין. די באָסעס און די רעגירונג האָבן זיך באַנוצט מיט טעראָר און מאַסן־אַרעסט געגן די סטרייקערס, וועלכע האָבן געקעמפט געגן אַ הונגער־לוין. די אידישע מאַסן האָבן געשטיצט די סטרייקערס. די „פאָרווערטס"־אַסאָסיעישאַן האָט כלומרשט געשטיצט דעם סטרייק דורך אַ ביישטייערונג פון גאַנצע 25 דאָלער, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט דער „פאָרווערטס" אָפּגעדרוקט אַ מיאוס'ן העצערישן מסירה־אַרטיקל געגן די פירער פונם סטרייק. די צייטונגען פון די באָסעס אין פּעטערסאָן האָבן אויפגעכאַפּט און איבערגעדרוקט דעם אַרטיקל, כדי צו שעדיגן דעם סטרייק.

די אידישע מאַסן אין פּעטערסאָן זיינען דאַן געווען דערצאָרנט געגן „פאָרווערטס", און קענען דאָס ניט פאַרגעסן ביז היינטיגן טאָג.

די פאַררעטערישע אַרבעט פון „פאָרווערטס" אין צייט פון קלאָוקמאַכער און פאָריער־סטרייק אין 1926 און 1927, איז גוט באַקאַנט צו אַ גרויסן טייל פון די אַרבעטער־מאַסן.

די קלאָוקמאַכער האָבן אין 1926 געפירט אַ סטרייק אין משך פון 19 וואָכן פאַר בעסערע באַדינגונגען. דער סטרייק איז געפירט געוואָרן דורך דער דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכערס יוניאָן אין ניו יאָרק.

די „אינטערנעשאָנאַל" פירערשאַפט אין די הענט פון די רעכטע האָט געטאָן אַלץ צו סאַבאָטאַזשירן דעם סטרייק. ווען די דזשאָינט באָארד האָט שוין געסעטלט מיט אַ צאָל באַלעבאַטים און געדאַרפט האָבן פאַרשטאַרקונג צו דערפירן דעם סטרייק צו אַ זיגרייכן סוף, האָבן די פירער פון דער „אינטערנעשאָנאַל" צוזאַמען מיטן „פאָרווערטס" געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף דער דזשאָינט באָארד, איבערגענומען די יוניאָן געגן דעם ווילן פון די אַרבעטער און געבראָכן דעם סטרייק. דאָסזעלבע האָבן זיי געפּרואווט טאָן מיט די פאָריער־סטרייקערס אין זעלבן יאָר, נאָר עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן.

די רעכטע פירער פון דער דאַמאָלסדיגער „פאַר אינטערנעשאָנאַל"

צוזאַמען מיט די הויפּט־באַאַמטע פון דער אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר (א. פ. אָוו ל.) האָבן, מיט דער הילף פון „פאָרווערטס", געפּרואווט אַרויפצווינגען אַ סעטעלמענט אויף די סטרייקערס געגן דעם ווילן פון די סטרייקערס און זייערע פּראָגרעסיווע פירער. בלוטיגע קאַמפן זיינען דאַן פאָרגעקומען. דער „פאָרווערטס" איז געשטאַנען אויף דער זייט פון די עלעמענטן, וועלכע האָבן גענוצט גענגסטעריזם, כדי צו צעברעכן דעם רוקנביין פון די פּראָגרעסיווע אַרבעטער אין דער פאָריער־יוניאָן. עס איז זיי אָבער ניט געלונגען.

דער „פאָרווערטס" און זיינע יוניאָן־ביוראָקראַטן פירן־אָן אַ העצע־קאַמפּאַניע און שליסן־אויס קאָמוניסטן פון פירערשאַפט פון יוניאָנס אונטערן אויסרייד, אַז קאָמוניסטן אין דער יוניאָן „נעמען אָרדערס" פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די פאַקטן זיינען אָבער, אַז דער „פאָר־ווערטס" און זיינע גענאָסן זוכן אַלעמאָל מיט גוואַלד אַרויפצוצווינגען זייערע פּאַליסים אויף די יוניאָנס.

דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײַאַנד האָט אין 1926 אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע:

„די סאָציאַליסטן דאַרפן אין אַלע וויכטיגע פראַגן אַרויסטרעטן אָר־גאַניזירט לויט איין ליניע. אין אַ יוניאָן טאָר ניט דערלאָזט ווערן קיין עפנטלעכער קאַמף פון סאָציאַליסטן געגן סאָציאַליסטן. אַלע זייערע קאָנ־פליקטן דאַרפן אויסגעגליכן ווערן צווישן זיך, אָדער פון זייער סאָציאַ־ליסטישער אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט זיי".

און די „פאָרווערטס"־ליט האָבן טאַקע קאָקוסעס פון זייערע מיט־גלידער און זעען דאָס דורכצופירן אין לעבן. אַזאַ אַקציע זאָגט עדות זייער איצטיגער אָנהענגער, דער רענעגאַט לואיס הײמאַן.

אונטער אַ „קעפּל": „דער פאָרווערטס" אַלס דיקטאַטאָר איבער יוניאָנס" אין זיין בוך „אויף די וועגן פון קאַמף" דערציילט הײמאַן וועגן קאַהאַנ'ס אַ רעדע אויף אַ קלאָוקמאַכער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן, אין מאַי, 1928. קאַהאַן האָט זיך באַרימט, אַז ער צוזאַמען מיט מאָריס זיגמאַן, דער דאַמאָלסדיגער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל לעי־דיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, האָבן עס באַשלאָסן אין צייט פון סטרייק אָנצוהויבן דעם פּאָגראָם אויף די קלאָוקמאַכער. הײמאַן שרייבט (זייטל 116) „דער אַלטער עובר בטל האָט אַרויסגעפּלאַפּלט, אַז ער צוזאַמען מיט זיגמאַנען האָבן באַשלאָסן אין צייט פון סטרייק אָנצופאַנגען דעם פּאָגראָם. מ'האָט דערציילט אפילו, אַז זיגמאַנ'ס „מאַניפעסט" — וועגן דער אויסשליסונג פון דזשאָינט באָארד — איז אויסגעאַרבעט גע־וואָרן ביי אים אין אָפיס, און זיין סטענאָגראַפער האָט עס געשריבן. ער האָט אויך דערציילט, אַז ניט בלויז זיגמאַן קומט צו אים „באַראַטן" זיך, נאָר אויך די אַנדערע אין דער קליקע, אַלע אָנערקענען אים פאַרן „באָס".

הײמאַן דערציילט דאָרט אויך, אַז קאַהאַן האָט געפאָדערט פון דער

קאַנוועגשאַן, אַז זיגמאַן, און ניט קיין אַנדערער, מוז דערוויילט ווערן אַלס פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנאַל.

און דער „פאָרווערטס" האָט נאָך די חוצפּה צו זאָגן אַז ער מישט זיך ניט אין די אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן פון די יוניאָנס, נאָר אַז קאָמוניסטן טוען עס.

## סטרייקס געגן „פאָרווערטס"

געגן „פאָרווערטס" זיינען פאָרגעקומען סטרייקס פון אַרבעטער, און די צייטונג וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אויף די פּענים פון אַרבעטער צו באַשיצן זייערע אינטערעסן, האָט געזוכט צו צעברעכן די סטרייקס געגן איר. אַ סטרייק פון שריפטזעצער אין „פאָרווערטס", איז פאָרגעקומען אין יאָר 1905. קאַהאַן האָט דאַן געזוכט מיט אַלע מיטלען צו צעברעכן דעם סטרייק.

באַלעבאַטים פון אַנדערע אינדוסטריעס איז זייער געפעלן געוואָרן קאַהאַנ'ס האַנדלונג. דער „טרעיד רעקאָרד", אָרגאַן פון די פאַבריקאַנטן, האָט געדרוקט די פאָלגנדע נייעס:

„אין דער צייט פון גאַנצן שטרייט האָט מר. אַב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר און מענעדזשער פון דער צייטונג, גע'טענה'ט, אַז ביזנעס קען אַנדערש ניט אָנגעפירט ווערן, סיידן דער באָס זאָל קענען סעקן (אָפּזאָגן) גאָר אָן שום טענות יעדן אַרבעטער, וועלכן ער וועט באַטראַכטן פאַר ניט קאָמפּעטענט".

„דער „פאָרווערטס" האָט טעראָריזירט זיינע אייגענע שרייבער, אַז זיי זאָלן זיך ניט איינשטעלן פאַר די זעצער. דער באַקאַנטער שרייבער יואל ענטין איז טאַקע דערפאַר אָפּגעזאָגט געוואָרן פון „פאָרווערטס". דערפאַר, וואָס ער האָט זיך דערלויבט צו זאָגן אַ מיינונג, אַז די זעצער זיינען גערעכט (לויט אַ באַריכט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" פון 21טן אָקטאָבער, 1905).

דער סטרייק איז געסעטלט געוואָרן דורך אַן אומפּאַרטייאישן געריכט. דער אומפּאַרטייאישער געריכט האָט דערקלערט, אַז „די קאַמפּס־מיטלען, די אַטאַקעס, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט אָנגעווענדעט געגן דער יוניאָן אין צייט פון אָנקינדונג אַ סטרייק און אין צייט פון סטרייק, זיינען דורכאויס געווען נאָך דעם קאַפּיטאַליסטישן מאָדעל און נאָך דער קאַפּיטאַליסטישער מעטאָדע" (ציטירט פון „אָוונט צייטונג" פון 17טן אַפּריל, 1905).

## סטרייקס פון שרייבער אין „פאָרווערטס"

סטרייקס פון „פאָרווערטס" שרייבער געגן זייער צייטונג זיינען פאָרגעקומען אין די יאָרן 1909, 1913 און 1946. אין אַלע סטרייקס האָט זיך דער „פאָרווערטס" אויפגעפירט ווי אַ באָס געגן אַרבעטער, און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער פּרעטענדירט צו זיין „אַן אַרבעטער־צייטונג".

אין פעברואַר, 1909, האָט זיך דער סטרייק אָנגעהויבן צוליב דעם, וואָס דער „פאָרווערטס“ האָט אָפּגעזאָגט אַ נייעס־רעפּאָרטער, ס. עלזוויט. דער דאַמאָלסדיגער סיטי עדיטאָר ז. קאָרנבליט האָט פּראָטעסטירט, און צביון האָט אונטערגעשריבן אַ פּראָטעסט־פּעטיציע געגן אָפּזאָגן עלזוויט׳ן. נו, האָט מען אַלע ד״יי אָוועקגעשיקט. נאָכדעם האָט מען באַזייטיגט די שרייבער ח. וועיניק און י. פרידמאַן פון זייערע שטעלעס. די שרייבער האָבן געשיקט אַ בריו צום פאַרוואַלטונגס־ראַט פון „פאָרווערטס“. זיי האָבן אָנגעקלאָגט דעם פאַרוואַלטער, אַז ער באַהאַנדלט די שרייבער ניט ווי מענטשן. ערשט לעצטן פרייטאָג, זאָגט זיך אין בריוו, האָט דער פאַרוואַלטער איינעם פון די שרייבער גערופן „הונט“, „לומפּ“, „ליגנער“, „פוילענצער“ אין דער אָנוועזנהייט פון אַנדערע צוויי שרייבער און זעצער.

אויף אַ קאָנפערענץ פון הונדערט־און־צוויי אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס איז אויפגענומען געוואָרן דער קאַמף פאַר די סטרייקערס געגן „פאָרווערטס“.

די שרייבער מאָריס ווינטשעווסקי, מ. זאַמעטקין, יצחק־אייזיק הורוויטש, דר. זשיטלאָווסקי, יעקב מילך, אברהם רייזען, זיינען געווען צווישן די, וועלכע האָבן זיך באַטייליגט אין קאַמף צוגונסטן די סטרייקערס, און זיך אונטערגעשריבן אויף אַ רעזאָלוציע צו פאָדערן פון „פאָרווערטס“, אַז ער זאָל נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די סטרייקערס.

אב. קאַהאַן איז געווען געצוואונגען צו קומען צו אַ מיטינג פון די געווערקשאַפטן, וואו מען האָט באַהאַנדלט די פראַגע פון די סטרייקערס. לויטן באַריכט אין דער ספּעציעלער ציימונג פון די סטרייקערס, „דער אידישער שרייבער“, האָט קאַהאַן געשריען, אַז „אַלע שרייבער זיינען „פּראָסטיטוטקעס“, און נאָך אַזעלכע „פערל“.

אין דעם סטרייק אין 1913 האָט דער „פאָרווערטס“ געקאָמאַנדעוועט, אַז „שרייבער טאָרן ניט באַלאַנגען צו קיין יוניאָן“, אַז עס איז ניט קיין פראַגע פון שכירות, נאָר אַ פראַגע פון פּרינציפּ. דער „פאָרווערטס“ האָט גע׳טענה׳ט, אַז סאָציאַליסטישע שרייבער טאָרן ניט באַלאַנגען אין איין יוניאָן מיט שרייבער פון קאַפּיטאַליסטישע ציימונגען.

די סטרייקערס האָבן אין זייער ציימונג „די אידישע פרעסע“ פון 26טן יאַנואַר, 1913, דערציילט דעם אמת וועגן סטרייק: „מיר פאָדערן אַ פאַרבעסערונג פון אונזער מאַטעריעלער לאַגע. מיר פאָדערן אַ מינימום באַצאָלט פון 25 דאָלער“.

צביון, וועלכער איז דאַן ניט געווען אויף קעסט אין „פאָרווערטס“, נאָר איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער קלאָוקמאַכער ציימונג, „די נייע פּאָסט“, וואָס האָט געשטיצט דעם שרייבער־סטרייק, האָט דאָרט געשריבן אַן אַרטיקל, וואָס איז געווען איבערגעדרוקט אין דער „אידישער פרעסע“, וואָס לייענט זיך טיילווייז:

„און ווען אַ סאָציאַליסטישער רעדאַקטאָר מאַכט קולות און לייגט

איין די וועלט, אַז דורך אַ שרייבער־יוניאָן ווערט דער סאָציאַליזם אין געפאַר, זאָלט איר וויסן, אַז ניט דער סאָציאַליזם רעדט אין אים, נאָר דער באָס. דאָס איז דער באָסישער אינסטינקטיווער פּראָטעסט געגן דער באַשרענקונג פון זיין זעלבסטהערשאַפט אין שאַפּ. אויך דער סאָציאַליס־טישער רעדאַקטאָר האָט זיך דאָ אין אַמעריקע איינגעוואוינט צו זיין אַ זעלבסטהערשער אין זיין רעדאַקציע. אויך דער איינציגער געדאַנק, אַז זיין זעלבסטהערשאַפט זאָל אויף וויפיל עס איז באַשרענקט ווערן, מאַכט אים ווילד".

אין סטרייק פון 1946, וואָס האָט נאָר אָנגעהאַלטן איין טאָג — דעם 22טן מאַי פון יענעם יאָר — איז דער „פאָרווערטס" געווען די איינציגע אידישע ציימונג, וואָס האָט באַשעפטיגט סקעבס.

דער „טאָג" איז אַרויס אָן נייעס, און האָט געדרוקט אַ דערקלערונג, אַז „צוליב דעם סטרייק, האָבן מיר בעסער אויסגעקליבן אַרויסצוגעבן דעם נעכטיגן „טאָג" אָן נייעס", ווייל „כדי צו דרוקן נעכטן די נייעס, וואָלטן מיר זיך געמוזט באַנוצן מיט שרייבער, וואָס זיינען ניט קיין מיט־גלידער פון דער שרייבער־יוניאָן".

דער „מאָרגן־זשורנאַל" איז אַרויס אין 4 זייטלעך טאַבלאָיד, אויך אָן נייעס, צוליב דער זעלבער סיבה.

אין „מאָרגן־פרייהייט" איז קיין סטרייק ניט געווען. די „מאָרגן־פרייהייט" האָט אַ קאָנטראַקט מיט דער „ניוספּעיפּער גילד".

די איינציגע ציימונג, וואָס איז אַרויס דורך סקעבס, איז געווען דער „פאָרווערטס".

די נייעס, וואָס איז יענעם טאָג געשריבן געוואָרן פון די סקעבס און פאַרטאַטשעס (צווישן זיי איז געווען, האָט מען געזאָגט, דער קולטור־דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג) איז געווען אַזוי שלעכט געמאַכט, אַז דער עולם האָט געלאַכט אין די הויפנס.

אַלס אַ ביישפּיל וועלן מיר אייך געבן אַ שטיקעלע נייעס, געדרוקט אין „פאָרווערטס" פון יענעם טאָג. עס איז געווען אַ געשיכטע אונטער אַ „קעפּל": „אַמעריקאַנער מיידל ערמאָרדעט אין דייטשלאַנד". דאָס שטיקל נייעס האָט זיך פאַרענדיגט: „די טויטע פרוי איז געקומען אין אייראָפּע מיט צוויי חדשים צוריק און איז אויך געווען באַקאַנט אַלס אַ פרייליכע לעבעדיגע פרוי". ווי אַזוי אַ טויטע פרוי קען קומען פון אייראָפּע און נאָך זיין פריילעך, לעבעדיג, דאָס קענען נאָר סקעב־קינצ־לער באַווייזן.

דער סטרייק איז ווי עס איז געסעטלט געוואָרן דורך דעם י. ל. פּרץ פאַראיין. די סטרייקס אין „פאָרווערטס" ווייזן ווידער, אַז דער „פאָר־ווערטס" איז ניט קיין אַרבעטער־ציימונג, און רעכנט זיך ניט מיט די אינטערעסן פון אַרבעטער.

# דער „פֿאָרווערטס" און די סאָציאַליסטן

די רעכט־און־פֿאַיל און אייניגע פירער פון דער אידישער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג זיינען אָפֿט אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפע פּראָטעסטן נעגן די פּאָליסיס פון „פֿאָרווערטס" און געזוכט אים אויסצובעסערן, אָבער די פירער פון „פֿאָרווערטס" האָבן איינגעשטעלט אַ שטאַרקן אַפּאַראַט צו טעראָריזירן און פאַרפאָלגן יעדן געגנער און אונטערדריקן דעם פרייען אויסדרוק פון זיינע קריטיקער.

איינער פון די גרינדער פון „פֿאָרווערטס", דער באַוואוסטער אידי־שער שרייבער און רעדנער מ. זאַמעטקין, וועמעס טאָכטער לאָראַ האָב־סאָן האָט זיך איצט באַרימט געמאַכט מיט איר בוך „דזשענטלמענ'ס אַגרימענט", האָט נאָך אין 1906 אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע געגן דעם שונד־„סאָציאַליזם, געגן די פאַרשיידענע שווינדלערישע געשעפטסלייט, וועלכע גייען אַרום אַ גאַנצן טאָג און נאַרן־אָפּ זייערע קונדן און נאַרן־אויס פון זיי געלט, און אין אָוונט זיינען זיי גאַנצע מאָראַל־פּרעדיגער און „פירער" אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די פירער פון „פֿאָרווערטס" האָבן זאַמעטקין'ען פשוט פאַרשריען פאַר משוגע, און אויפגעוויזן מיט אַלע אַרגומענטן, אַז מען קאָן זיין אַ גרויסער קאַפּיטאַליסט און אַ גוטער סאָציאַליסט. דאָס איז געווען אין די צייטן, ווען דער מיליאָנער דזשאָזעף מעדיל פּעטערסאָן, דער שפּע־טערדיגער אַרויסגעבער פון דער רעאַקציאָנערער „דעילי ניוס", איז געווען אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אויך אַנדערע מיליאָנערן זיינען געווען דעה־זאָגער אין דער פּאַרטיי. הילקוויט אַליין, אויך ניט קיין קבצן, פלעגט זיך באַרימען, וואָס מען לאָדט אים איין אין רייכע הייזער אויף טיי און מען הערט זיך צו צו אים.

דער „פֿאָרווערטס" האָט געשטיצט אָט־דעם סאָרט סאָציאַליזם, און דעריבער האָט מען זאַמעטקין'ען ניט געלאָזט שרייבן אין „פֿאָרווערטס". זיינע עלטערע יאָרן האָט זאַמעטקין געדאַרפט פאַרברענגען אין דעם ביאַליסטאָקער מושב־זקנים, וואו ער איז געשטאָרבן אַן עלנטער און פאַרגעסענער מענטש.

ווען די אידישע אַגיטאַציע־ביוראָ איז געגרינדעט געוואָרן אין 1907 — אַ קערפּערשאַפט פון פאַרטרעטער פון אַ צאָל שטאַטן, וועלכע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אָנצופירן אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פאַר סאָ־ציאַליזם צווישן אידן — האָט זי געמוזט אויסקעמפן ביים „פֿאָרווערטס" די דערלויבעניש צו דרוקן אירע באַריכטן. מאַקס קאָפמאַן, אַ דורכ־שניטלעכער אַרבעטער פון סיראַקיוז, ניו יאָרק, איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער ביוראָ, און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין באַקלאָגן, ווי אַזוי דער „פֿאָרווערטס" סאַבאָטאַזשירט די אַרבעט פון דער ביוראָ. די „פֿאָרווערטס"־שרייבער און פירער פלעגן ניט זיין טעטיג אין די בראַנטשעס פון דער פּאַרטיי. די שווערע אַרבעט פון איינאָרדענען מי־

טינגען, אויסטיילן ליפלעטס א. אנד. האבן געטאן די פשוט'ע שוסטער, שניידער, קלאוקמאכער און אנדערע, אבער די דעה אויף קאנווענשאנס פלעגן זאגן די מאשין־מענטשן פון „פארווערטס".

די פאליטישנס פון „פארווערטס" פלעגן אזוי מאנעווירן, אז זיי זאלן האבן די גאנצע דעה. די „פארווערטס"־אסאסיעישאן, דער ארבעטער־רינג, די געווערקשאפטן, וועלכע זיינען ניט געווען אונטערגעווארפן די באשלוסן פון די קאנווענשאנס פון די אידישע סאציאליסטן, פלעגן אבער שיקן דעלעגאטן צו די קאנווענשאנס מיט שטים־רעכט און העלפן די „פארווערטס"־„באיעס" קאנטראלירן די צוזאמענפארן.

די „גדולים", וועלכע פלעגן זיין קאנדידאטן פאר דעלעגאטן צו קאנווענשאנס, פלעגן זעלטן דערוויילט ווערן דורך זייערע ברענטשעס. האבן זיי אבער גענוצט א מעטאד צו דערקלערן זיך אלס דערוויילטע דעלעגאטן דורך „פראקסים" פון קליינע שטעטלעך ערגעץ אין דער סאוט אדער וועסט.

איך געדענק א קאנווענשאן פון אידישע סאציאליסטן, וואו ביי דער קרעדענשל קאמיטע זיינען געווען פארטיגע בלאנק־קרעדענשלס פון פארשיידענע שטעט, און די אייגענע „באיעס" פלעגן אריינקומען און זיך אויסקלייבן א קרעדענשל. אזוי האבן זיי קאנטראלירט די קאנווענשאנס.

עס פלעגט אבער טרעפן, אז די שטים פון דער רענק און פאיל פלעגט זיך דאך דורכרייסן. אזוי איז אויף א קאנווענשאן פון דער אידישער סאציאליסטישער פעדעראציע אין 1913, אין ניו העיווען, דער „פארווערטס" אפן געטאדלט געווארן פאר ניט פרעדיגן גענוג סאציאליזם.

## „וואס מער צירקולאציע, אלץ ווייניגער סאציאליסטן"

אן ארגאנאיזער פון דער פעדעראציע, אב. זוסמאן, האט דערקלערט אויף יענער קאנווענשאן:

„א זייער ניט־נארמאלער צושטאנד האט געהערשט אין אונזער אידישער סאציאליסטישער באוועגונג פאר די לעצטע צען יאר. וואס שטארקער עס איז געווארן די פרעסע, אלץ ווייניגער סאציאליסטן זיינען געבליבן אין אונזער באוועגונג; וואס מאטעריעל רייכער די פרעסע איז געווארן, אלץ ארעמער אין מאראלן איינפלוס זיינען זיי ביידע געווארן— די פרעסע און די באוועגונג". (ציטירט פון באריכט אין „אידישן סאציאליסט", נאוו. 1913).

די קאנווענשאן האט אנגענומען א רעזאלוציע, וועלכע האט געטאדלט דעם „פארווערטס" פאר ניט געבן גענוג סאציאליסטישע אויפקלערונג.

א שטורעם אין דער אידישער סאציאליסטישער באוועגונג האט ארויסגערופן דער פראטעסט פון א באדייטנדער גרופע ערנסטע סאציאליסטישע שרייבער, וועלכע האבן זיך גרופירט ארום דעם סאציאליסטישן זשורנאל „צוקונפט" אין 1912. דער „פארווערטס" האט א לאנגע צייט דעם דאמאלס וויסנשאפטלעך־סאציאליסטישן זשורנאל איגנארירט און

אים ניט געגעבן קיין „פובליסימי". שפעטער האָט ער געמאַכט אַטאַקעס אויף די בעסערע שרייבער פונם זשורנאַל.

אין דער רעדאַקציע פון „צוקונפט" זיינען דאַן געווען די שרייבער א. ש. זאַקס, מאָריס ווינטשעווסקי, דר. קאַספּע, צביון, ליעסין, ל. ב. בודין, און אַנדערע.

אין אַ דערקלערונג פון דער רעדאַקציע פון דער „צוקונפט", אין פעברואַר נומער 1912, לייענען מיר ווי פאָלגט:

„ווער זיינען אונזערע קריטיקער"

„ענדלעך האָט מען אין „פאָרווערטס" ווידער אָנגעפאַנגען צו דערמאָנען די „צוקונפט". צוגעגאַנגען איז עס העכסט־דראַמאַטיש. צוערשט האָט זיך אויף דער סצענע באַוויזן דער הויף־פּאַיאַץ, מ. באַראַנאָוו, און האָט דיר־נישט, מיר־נישט, מעשה שגץ אויסגעזידלט די געגנאָסן מאָריס ווינטשעווסקי, און ל. ב. בודין. אַט אַזוי זיך געזידלט פון דער אייגענער הנאה וועגן און פון דער הנאה פון זיין בעל־הבית. נאָכדעם „ע־" אַליין, דער בעל־הבית פון „פאָרווערטס", אַב. קאַהאַן „בכבודו ובעצמו".

ווייטער ווערט איבערגעגעבן אין דער דערקלערונג, אַז קאַהאַן זאָגט, אַז ער איז אַנטריסטעט, וואָס אין דעם יובילייר־נומער „צוקונפט", וואָס איז דאַן דערשינען, האָבן די שרייבער אָנשטאָט צו לויבן קאַהאַנ'ען, גאָר געלויבט איינע די אַנדערע, און אַז דאָס איז ניט באַשיידן. און די רעדאַקציע פון „צוקונפט" זעצט־פאָר:

„ווער האָט אייגנטלעך איינגעפירט אין דער סאָציאַליסטישער פרעסע, אין דעם סאָציאַליסטישן „פאָרווערטס", די העכסט־נעלע באַריםעריי און די גרילצענדע מאַרק־שרייענדע בומער"; וואָס די געלסטע שמיר־בלעטלעך ערלויבן זיך ניט?"

„וואו קען מען גאָר געפינען מער באַרימעריי, מער קיצלעריי, ווי אין דעם „פאָרווערטס" פון דער צייט, וואָס ער איז אַריינגעפאַלן אין אַב. קאַהאַנ'ס הענט? נישט מער, אין „פאָרווערטס" בומט מען נאָר די, וואָס זיינען „איז נאַשיך", און יענע, אויף וועלכע ער, אַב. קאַהאַן, האָט געוואָרפן אַן אומ'חן, זידלט מען אויף דער אמת'ער מאַרק־ווייבערשער שפּראַך." דער אַרטיקל דערציילט, ווי אַזוי דער „פאָרווערטס" רעקלאַמירט בעבעל'ס בוך „די פרוי", און ציטירט פון „פאָרווערטס": ווילט איר, מיידלעך און בחורים, וויסן, ווי מען האָט אַמאָל חתונה געהאַט און אויף וואָס פאַר אַן אופן, און ווי מען האָט זיך נוהג געווען?... טאָ נעמט און לייענט „די פרוי". דאָרטן וועט איר געפונען אַלץ, וואָס אייער האַרץ גלוסט מכוח דעם ענין".

דער אַרטיקל ציטירט אַ גאַנצע רייע אַזעלכע אַדווערטאַיזמענטס און דערקלערט: אָט אויף אַזאַ סקאַנדאַליעזן אופן ווערט עס טאָג־טעגלעך אַדווערטאַיזט דאָס סאָציאַליסטישע בוך פון באַרימטן סאָציאַליסטישן וועטעראַן בעבעל. און די רעדאַקציע פון „צוקונפט" פאַרענדיגט:

„די „צוקונפט" האָט געזינדיגט, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט פאַרשוויגן קאַהאַנ'ס סקאַנדאַליעזע רעדאַקציאָן פון „פאַרווערטס".

„ניט אַב. קאַהאַן קען האָבן די העזה זיך צו שטעלן אַלס ריכטער איבער די „צוקונפט", נאָר אַב. קאַהאַן דאַרף גע־שטעלט ווערן צום משפט פון דער „צוקונפט" און פון אַלע אידישע סאָציאַליסטן".

אונטערגעשריבן
די רעדאַקציאָן

אין אַן אַנדער נומער פון זעלבן יאָר איז אין זשורנאַל „צוקונפט" אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון זיין רעדאַקטאָר, א. ליעסין: „אַן ענטפער צו דער רעדאַקציע פון פאָרווערטס".

ליעסין שרייבט, אַז „קאַהאַן איז צו דער „צוקונפט" גיכער פיינט־לעך איידער פריינטלעך". ער „פאַרענטפערט זיך", וואָס די „צוקונפט" דרוקט אַרטיקלען פון בעל־מחשבות, ווינטשעווסקי און אַנדערע, געגן וועמען דער „פאָרווערטס" האָט אויסגעזעצט. ליעסין זאָגט:

„דער שרייבער פון די שורות האָט אימער געדענקט, אַז מען דאַרף ריידן צו אונזערע לעזער מיט אַ נאַטירלעכער שטימע, ווי ער־וואַקסענע מענטשן צו ערוואַקסענע מענטשן, ווי ציוויליזירטע מענ־טשען, אָן קרימענישן אין איין זייט אָדער צווייטן".

ליעסין פאַרענדיגט זיין אַרטיקל מיט אַן אויסצוג פון אַ ליד: „איך קען דעם מזמור, איך קען דעם טעקסט, איך קען אויך די פאַרפאַסער, איך ווייס ווי זיי טרינקען שטילערהייט ווייַן, און פרעדיגן עפנטלעך וואַסער".

אָט אַזוי האָבן ערנסטע סאָציאַליסטן באַטראַכט דעם „פאָרווערטס" נאָך מיט יאָרן צוריק, איידער עס איז געווען אַ קאָמוניסטישע באַוועגונג און אַ „מאָרגן־פרייהייט".

די „פאָרווערטס"־חברה האָט אַזוי מאַניפּולירט, אַז די „צוקונפט" איז איבערגענומען געוואָרן פון די אַרויסגעבער פון „פאָרווערטס", פון דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיעישאָן, און קיין שטימע געגן „פאָרווערטס" איז שוין מער ניט געהערט געוואָרן.

## דער „פאָרווערטס" און די ערשטע וועלט־מלחמה

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז די שטימונג אין אַמעריקע געווען געגן מלחמה. דער „פאָרווערטס" האָט געדרוקט אַנטי־מלחמה אַרטיקלען. אַ היפּש ביסל פון אָט־דער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען איבערגעזאַלצן פּראָ־דייטשלאַנד. אָבער אין 1917 האָט זיך דער „פאָרווערטס" איבערגעקוליעט און גענומען שטיצן די אימפּעריאַליס־טישע מלחמה.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע האָט אין אַפּריל, 1917, אויף א קאָנווענשאַן אין סענט לואיס אָנגענומען אַן אַנטי־מלחמה רעזאָ־לוציע. דער „פאָרווערטס" האָט דאַן געפירט א באַוועגונג צווישן די אי־דישע סאָציאַליסטן, אַז זיי זאָלן אויפפאָדערן די פּאַרטיי צוריקצוציען איר אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע.

און דאָ איז דער „פאָרווערטס" באַגאַנגען א מיאוס'ן פאַרברעכן געגן זיינע לייענער און געגן איינעם פון די באַליבסטע און אידעאַלסטע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־פירער אין אַמעריקע, יודזשין וויקטאָר דעבס.

מיט זיין וועג פון פאַלשעווען און אָפּנאַרן די מאַסן איז דער „פאָר־ווערטס" געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט פאַרשפּרייט א בלבול, אַז אויך דעבס איז געוואָרן א מלחמה־פּאַטריאָט. די געשיכטע איז געווען אַזוי:

די אָנהענגער פון צוריקציען די אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע האָבן געפאָדערט א ספּעציעלע קאָנווענשאַן פון דער פּאַרטיי. די, וואָס האָבן געוואָלט פאַרבלייבן ביי דער סענט לואיס'ער רעזאָלוציע, זיינען געווען געגן רופן אַזאַ קאָנווענשאַן. דעבס איז אין יענער צייט אינטערוויוּאירט געוואָרן דורך א רעפּאָרטער פון „ניו אַפּיל" (געוועזענער „אַפּיל טו ריזאָן") און אים געפרעגט זיין מיינונג. דעבס האָט געזאָגט, אַז ער איז פאַר א קאָנווענשאַן, כדי צו מאַכן א בעסערע אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע. דער רעפּאָרטער האָט פּאַנאַנדערגעשיקט די נייעס, אַז דעבס שטייט מיט די, וועלכע ווילן א קאָנווענשאַן פאַר צוריקציען די אַנטי־מלחמה רע־זאָלוציע.

דער „פאָרווערטס" האָט געדרוקט דעם ליגן דעם 14טן מאַי, 1918, אונטער א „קעפּל": „דעבס ענדערט זיין מיינונג וועגן דער מלחמה" און האָט דערציילט, אַז „דעבס, וועלכער האָט געשטיצט די אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע אויף דער סענט לואיס'ער קאָנווענשאַן, האָט איצט געענ־דערט זיין מיינונג און דערקלערט, אַז ער וויל אויך, אַז די פּאַרטיי זאָל ענדערן איר שטעלונג".

די פּראָ־מלחמה סאָציאַליסטן האָבן אויסגענוצט דעם בלאָף וועגן דעבס'ן צו פאַרטומלען די מוחות פון די סאָציאַליסטישע מיטגלידער.

דעבס איז געוואָרן שטאַרק אַגטריסטעט פון דער געשיכטע, און ער האָט אַריינגעשיקט א שאַרפע אָפּלייקענונג אין דער פּרעסע. ער האָט דערקלערט, אַז עס איז אַן אויסגעטראַכטע געשיכטע, אַז ער איז געגן מלחמה ווי אַלעמאָל, און אַז ער האָט געוואָלט מען זאָל אָננעמען נאָך א שטאַרקערע אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע, אָנשטאָט זי צוריקצוציען. דער בריוו איז געדרוקט געווען אין „ניו יאָרק קאָל" דעם 4טן יוני, 1918. דער בריוו איז אויך געשיקט געוואָרן צום „פאָרווערטס", אָבער דער „פאָרווערטס" האָט אים ניט געוואָלט דרוקן.

דער שרייבער פון די שורות האָט א קאָפּיע פון אָט־דעם בריוו, אַרויסגענומען פון א נואַרקער וועכנטלעכער צייטונג, וואו ער איז געווען געדרוקט, און אים צוגעשיקט צו ה. בורגין, דאַמאָלס א

מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" און אַ שטיצער פון דער סעינט לו־איס'ער רעזאָלוציע. בורגין האָט מיר אָפּגעשיקט דעם בריוו צוריק מיט אַן ענטפער, אַז קאַהאַן דערלויבט אים ניט צו דרוקן.

און ביז היינטיגן טאָג האָט דער „פאָרווערטס" ניט צוריקגעצויגן דעם שענדלעכן בלבול אויף דעבס'ן. די „פאָרווערטס"־גענאָסן האָבן נאָך די חוצפה אפילו אין די לעצטע יאָרן איבערצו'חזר'ן זייער מיאוס'ן בלאָף וועגן דעבס'ן.

דער פאַרראַט פון די פירער פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען זיי האָבן, ווי דער „פאָרווערטס", פאַרלעצט דעם מאַנדאַט פון דער מיטגלידערשאַפט און געשטיצט די מלחמה; זייער רעאַקציאָנערע שטעלונג צו אַנדערע דאַמאָלדיגע פּראָבלעמען; זייער ניט־ריכטיגע שטעלונג צו דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, — דאָס אַלץ האָט געפירט דערצו, אַז דער גרעסטער טייל פון דער מיטגלידערשאַפט האָט פאַרלאָזן די פאַרטיי. צוויי שפּאַלטונגען זיינען דאַן פאָרגעקומען אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי: איינע אין 1919 און אַ צווייטע אין 1921.

אין דער פאַרטיי איז געבליבן אַ קליינע קליקע פון פאַרביסענע רע־אַקציאָנערן. דער „פאָרווערטס", אָנשטאָט זיך צו רעכענען מיטן צאָרן פון דער מיטגלידערשאַפט, האָט ווייטער געשטיצט די עקסטרעם־רעכטע גרופּע אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי.

ווען די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט אין יאָר 1921 מיט אַ מערהייט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די סאָציאַליסטישע פאַרטיי, האָבן די „פאָרווערטס" גענאָסן זיך אָפּגעשפּאָלטן און געגרינדעט דעם סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, וועמענס פירער האָבן אַליין צוגעגעבן אויף זייער לעצטער קאָנווענשאָן, סוף 1946, אַז אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן איז צו באַקעמפן קאָמוניזם. אָנשטאָט צו רעכענען זיך מיט די פאָדערונ־גען פון דער נייער צייט און מיטן ווילן פון די פּראָגרעסיווע אַרבעטער, איז דער „פאָרווערטס", כדי צו געווינען חן צווישן די רעאַקציאָנערע און אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן, געוואָרן נאָך מער רעאַקציאָנער.

צוריק קומענדיג פון אייראָפּע אין 1921, האָט קאַהאַן אויסגעשלאָסן פינף שרייבער פון „פאָרווערטס", וועלכע זיינען ניט געווען איינשטימיג מיט זיינע פּאָליסים און ער האָט זיך גענומען אַטאַקירן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

די „פאָרווערטס"־גענאָסן אין די יוניאָנס און אין אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגענומען אַ פּאָליסי פון באַהערשן אָדער צעברעכן יוניאָנס און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע לאָזן זיך נישט פירן פון דער „פאָרווערטס" הערשאַפט.

די פּראָגרעסיווע אַרבעטער האָבן אָבער ניט געלאָזט צעברעכן זייערע אָרגאַניזאַציעס.

אַן אייגענע צייטונג, לויט דעם גייסט פון דער נייער צייט, איז גע־גרינדעט געוואָרן אין 1922 — די „פרייהייט" („מאָרגן־פרייהייט"). אַ

גרויסער ארבעטער־אָרדן, דער אידישער פּראָטערנאַלער פאָלקס־אָרדן מיט זעכציג טויזנט מיטגלידער, איז אויפגעבויט געוואָרן, נאָכדעם ווי די „פאָרווערטס"־לייט האָבן געוואָלט דערשטיקן די שטים פון פּראָגרע־סיווע מיטגלידער אין ארבעטער־רינג דורך מאַכן זיי פאַר „מעמבערס עט לאַרדזש". די פּראָגרעסיווע עלעמענטן האָבן אויפגעבויט אַ גרויסע צאָל וויכטיגע קולטור־אָרגאַניזאַציעס. אָבער דאָס איז אַ באַזונדערער ענין. וואָס איך וויל אַרויסברענגען איז, אַז די פּאָליסי פון „פאָרווערטס" איז געווען צו דרייען די ראָד פון פּראָגרעס אויף צוריק און צו פאַרפירן די אידישע מאַסן צו דער רעאַקציע אין אַמעריקע.

## די אַנטי־סאָוועטישע העצעס אין „פאָרווערטס"

די פאַררעטערישע שטעלונג פון „פאָרווערטס" צו דער איינציגער אַר־בעטער־רעפּובליק, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, שטייגט איבער אַלע גרעניצן.

דער „פאָרווערטס" איז באַלד פון אָנהויב געווען געגן דער באָל־שעוויסטישער רעוואָלוציע. אָבער נאָכדעם ווי ער האָט דערזען, אַז ער פאַרלירט צירקולאַציע און אַז די אידישע מאַסן אין אַמעריקע פאַרהער־לעכן די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן דאַן, אַזוי ווי איצט, געראַטעוועט די אידישע באַפעלקערונג פון פּאָגראָמען און זיי געגעבן גלייכבאַרעכ־טיגונג, האָט דער „פאָרווערטס" אָנגענומען אויף אַ קורצער צייט אַ פּאָליסי, אַז די רוסישע באָלשעוויקעס זיינען „אָלראַיט", נאָר די היגע קאָמוניסטן טויגן נישט. שפּעטער האָט ער זיך ווידער איבערגעקוליעט און אָנגעהויבן צו פירן אַ ווילדע, עקלהאַפטע, העצערישע פּראָפּאַגאַנדע געגן דער סאָוועטן־רעפּובליק, אַ קאַמפּאַניע פון די ווילדסטע אַנטי־סאָוועטישע ליגנס און פאַרלוימדונגען, וועלכע זיינען שטאַרק געפעלן די פאַשיסטישע עלעמענטן אין אַמעריקע.

דער „פאָרווערטס" האָט זיך פאַראייניגט מיט הוירסטן און מיט אַנדערע פּראָ־פאַשיסטישע עלעמענטן צו העצן געגן דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד. הערי לאַנג, רעדאַקטאָר פון דער זונטאָגדיגער אויסגאַבע פון „פאָרווערטס" האָט אין 1935 געדרוקט אין די הוירסט־צייטונגען אַ סעריע ווילדע העצע־אַרטיקלען געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די דאָזיגע העצעס האָבן אַרויסגערופן אַ שטורעם פון צאָרן אויף דער אידישער גאַס. אפילו מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס"־אַסאָסי־עישאָן האָבן געפאָדערט, אַז לאַנג זאָל אָפּגעזאָגט ווערן פון „פאָרווערטס". נאָר קאַהאַן האָט געסטראַשעט, אַז אויב מען וועט אָפּזאָגן לאַנג'ן, וועט ער אויך אַוועקגיין, און הערי לאַנג איז געבליבן.

דער „פאָרווערטס" האָט אויך איבערגעדרוקט העצע־אַרטיקלען פון פרעד ביל און אַנדערע מאַטעריאַלן וואָס זיינען געווען געדרוקט אַלס אַ סעריע אין די הוירסט־צייטונגען.

ידזשאָן וואָלטין קרעבס, וועלכער איז פאַר'משפּט געוואָרן אין קאַלי־פאָרניע פאַר מאַכן אַ האָלד־אַפּ אויף אַ אידישן גראָסערימאַן, און וועל־

כער איז געווען באשולדיגט אין זיין א נאצי־אגענט, האט געדרוקט זיין סעריע אטאקעס אויף דעם סאוועטן־פארבאנד אין „פארווערטס“. ער האט את־די סעריע פארגעזעצט אפילו נאכדעם, ווי דער סאוועטן־פאר־

(זע פאטאסטאט פון „פארווערטס“ אונטערן „קעפל“: „מיר האבן באקומען בריוו וועגן לאנג׳ס ארטיקלען“)

קומען אין א רייע פארם־קאלעקטיוועו, לוציאנערע“ ליטעראטור.

# מיר האבען באקומען בריף וועגען לאנג׳ס ארטיקלען, וועלכע געהען איצט אין די הוירסט-צייטונגען

אין דער הוירסט צייטונג „איוונינג דזשורנעל“ דרוקען זיך איצט ארטיקלען פון העררי לאנג, אין וועלכע ער באשרייבט זיינע איינדרוקען פון דעם באזוך, וואס ער האט געמאכט אין סאוועט־רוסלאנד אין יאהר 1933. דער אינהאלט פון די בריף איז א פארשיידענארטיגער. א געוויסע צאהל מענשען דריקען אויס א שארפע קריטיק געגען העררי לאנג און צוזאמען מיט דעם אויך געגען דעם „פארווערטס“, פון וועלכען נענאסע לאנג איז א מיטארבייטער. זיי פרעגען ווי אזוי עס איז געשעהן, אז א סאציאליסט, וועלכער איז א טעטיגער מיטארבייטער אין „פארווערטס“, זאל זיך באטייליגען אין א צייטונג, וואס איהר ריכטונג צו דער ראדיקאלער באוועגונג ווערט באטראכט אלס א פיינדליכע. א גרויסער פראצענט פון די, וואס שרייבען אין דיזען זין, זיינען היימע פריינט פון „פארווערטס“, און זיי דריקען אויס א טיפען באדויערען און ענטריסטונג וועגען דער פאסירונג. אנדערע בריף דריקען אויס אנדערע מיינונגען.

ווענען דער גאנצער פראגע וועלען מיר אין דיזען מאמענט זאגען דאס פאלגענדע:

1) גענאסע לאנג שרייבט דיזע ארטיקלען אין זיין אייגענעם נאמען און אויף זיין אייגענער פאראנטווארטליכקייט, און די גאנצע געשיכטע האט אבסאלוט ניט צו טאן מיט׳ן „פארווערטס“.

2) דער ענין איז פארבונדען מיט פאקטען און איינצעלהייטען, וועלכע פאדערען אן ערקלערונג און א באלייכטונג. דערצו וואלט נויטיג געווען אן אויספיהרליכער ארטיקעל. צוליב די פסח׳דיגע נומערען זיינען מיר, אבער, לײדער, איצט ניט אימשטאנד זיך מיט דעם צו פארנעמען. אזא ארטיקעל וועט ערשיינען אין „פארווערטס“ אזוי שנעל ווי מעגליך.

דאס איז א פאטאסטאט פון א שטיקל נייעס אין „פארווערטס“ פון 18טן אפריל, 1935, וואו דער „פארווערטס“ גיט צו, אז ער האט געקראגן מאסן פראטעסט בריוו געגן לאנג׳ן.

באנד איז באפאלן געווארן דורך היטלער׳ן, און די העלדישע סאוועטישע טרופן האבן פארגאסן זייער בלוט, קעמפנדיג אלס שותף פון אמעריקע געגן די היטלערישע רוצחים.

דער „פארווערטס“, צוזאמען מיט דובינסקי׳ן כאניג׳ען און די אנדערע פון דעם דעמאקראטישן חדר, האבן אין צייט פון דער מלחמה

געהאָפט, אַז זיי וועלן קענען אויסנוצן די מלחמה אַלס אַ מיטל צו שטירצן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין אַן אַרטיקל פון ס. פּאַרטוגעים אין „פאָרווערטס" פון 26טן אויגוסט, 1941 — צוויי חדשים נאָכדעם, ווי היטלער איז באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און געהאַלטן אין פּאָגראָמירן די אידן און אויסהרג'ענען מיליאָנען מענטשן פון דער סאָוועטישער באַפעלקערונג און פאַרניכטן זייערע שטעט, האָט פּאַרטוגעים געשריבן:

„איין זאַך איז זיכער, אַז די פראַגע וועגן דעם רוסישן פּאָליטישען רעזשים איז ניט נאָר ניט באַזייטיגט געוואָרן, נאָר באַדייטענד פאַרשאַרפט געוואָרן. גאַאיוו איז יענער, וואָס מיינט, אַז ווען ער וועט אַליין שווייגן און מאַכן אַנדערע שווייגן, וועט די פראַגע גופא פאַרשווינדן".

אין דעם אַרטיקל, וועלכער הייסט „רוזוועלט און טשוירטשיל'ס דעקלאַראַציע", צעלאָזט זיך דער שרייבער מיט אַן אַטאַקע אויף דעם 3טן פּונקט פון דעם אַטלאַנטיק טשאַרטער. דער „פאָרווערטס"־שרייבער איז ניט צופרידן דערמיט, וואָס די דעקלאַראַציע זאָגט, אַז יעדעם פאָלק זאָל האָבן דאָס רעכט צו באַשטימען זיין פאָרם פון רעגירונג. דער „פאָרווערטס" האָט געוואָלט ניט אַנדערש, נאָר אַז רוזוועלט און טשוירטשיל זאָלן זיך אַריינמישן אין די אינערלעכע ענינים פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין דעם אַרטיקל זאָגט זיך ווייטער:

„ווי ביטער דער פּיל פון דעם 3טן פּונקט זאָל ניט זיין פאַר יענעם דעמאָקראַטישן באַוואוסטזיין, וואָס איז געווען אַזוי באַגייסטערט מיט רוזוועלט'ס לאָזונג „פרייהייט פאַר אַלע פעלקער", האָבן מיר פאָרט ניט קיין גרונט צו פאַרלירן אונזער האָפענונג און אונזער גלויבן, אַז דער זיג איבער היטלער'ן וועט פאָרט עפענען פאַר דער דעמאָקראַטיע דעם ברייטן וועג פון אַלוועלטלעכן טריאומף".

„...די דייטשע דיקטאַטור וועט אין קריג פאַרניכטעט ווערן און די רוסישע דיקטאַטור וועט פונם קריג אַרויס אין אַזאַ אָפּגעשוואַכטן צושטאַנד, אַז פאַר די רוסישע פעלקס־מאַסן וועט ווערן באַדייטענד גרינגער דורכשלאָגן זיך דעם וועג צו פרייהייט".

אָט דאָס איז געווען די האָפענונג פון „פאָרווערטס": אַן „אָפּגעשוואַכטע" רוסלאַנד — דאָס הייסט, די סאָוועטישע אַרמיי זאָל פאַרלירן וואָס מער בלוט, וואָס מער אידן און ניט־אידן זאָלן אומקומען.

ווען סטאַלין האָט אין זיין באַרימטער רעדע פון 4טן יולי, 1941, אַפּעלירט צו דער וועלט פאַר הילף צוליב אירע אייגענע אינטערעסן און דערציילט וועגן די ערנסטקייט פון דער לאַגע, האָט דער „פאָרווערטס" געענטפערט מיט אַן עדיטאָריעל (דעם 5טן יולי, 1941) אונטערן נאָמען: „סטאַלינ'ס רעדע", מיט אַן אַטאַקע אויף די סאָוועטישע פירער סטאַלין, מאָלאָטאָוו, וואָראָשילאָוו, בעריאַ און מאַלענקאָ — די פינף פירער, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן צו פירן די מלחמה — אַז זיי זיינען ניט די ריכ־

טיגע מענטשן צו פירן די מלחמה. דער „פאָרווערטס" האָט דאַן פאַר־געשלאָגן „נייע פרישע כחות" „צו הויבן די מאָראַל פון די מאַסן".

דער פאָעט פון „פאָרווערטס", דוד איינהאָרן, האָט זיך אין זעלבן נומער צעלאָזט מיט אַן אַרטיקל, פול מיט סאַדישטישער בייזער פרייד וועגן די צרות, וואָס „רוסלאַנד" האָט געליטן פון דעם היטלער־איבער־פאַל. אין דעם אַרטיקל „אַ וואָרט צו קאָמוניסטן" שרייבט ער:

„איצט האָט איר זאָרג און שרעק און צווייפל און מורא. אייערע פענצטער זיינען פאַרהאַנגען אין טרויער ווי אונזערע. אָבער אייער טרוי־ער איז ניט אונזער טרויער, און אייער שרעק איז ניט אונזער שרעק. אויב מיר זאָרגן פאַר רוסלאַנד, איז דאָס אונזער האַס צו היטלער'ן און צום נאַציזם.

„דער אונטערשיד ביי אונז צווישן רוסלאַנד און נאַצי־דייטשלאַנד איז ווי איינער האָט אַ טייערן פריינט איינגעשפּאַרט ביי אַ טיראַן אין תפיסה און פּלוצים האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אויפן ערשטן טיראַן גייט אַ צווייטער טיראַן, וואָס וויל אונזער ליבסטן דערמאָרדן. דאַן בלייבט אונז צו פאַרטיידיגן די תפיסה געגן דער תליה, אָבער פאַרהאַסט איז ביי אונז די תפיסה ווי פריער". איינהאָרן ענדיגט זיין אַרטיקל מיט אַ וואונטש, אַז „דער באַפרייאונגס־קריג זאָל ניט נאָר באַפרייען די וועלט פון היט־לער'ן, נאָר פון אייך אויך", און פאַרענדיגט מיט אַ קללה אויף די קאָ־מוניסטן.

דער „פאָרווערטס" האָט אויך געהאָפט, אַז די פאָלקס־מאַסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וועלן ניט שטיצן די סאָוועטישע רעגירונג, און אַז עס וועט זיך איינגעבן זיינע גענאָסן אַרויפצוכאַפּן זיך אויפן זאָטל.

אין אַן עדיטאָריעל דעם 13טן יולי, 1941, שרייבט דער „פאָר־ווערטס":

„וואָס אנבעלאַנגט דער שטימונג פון דער באַפעלקערונג, איז גאָר קיין צווייפל ניט, אַז די ריזיגע מערהייט פון רוסישן פאָלק איז זייער שטאַרק ערביטערט געגן דעם עקזיסטירענדן רעזשים.

„די באוואוסטזיניגע עלעמענטן וועלן זיכער מיט אַלע זייערע כו־חות פאַרטיידיגן דאָס לאַנד געגן די נאַצישע עראָבערער, אָבער צי די דערשלאָגענע און פאַרביטערטע פויערים פון די קאָלכאָזן וועלן זיך שלאָגן געגן די נאַצים מיט דער זעלבער אַנטשלאָסנקייט און עקשנות, ווי די ענגלענדער, למשל, צווייפלען מיר זייער שטאַרק".

דער אַלטער אַנטי־סאָוועטישער פאַרשווערער ר. אַבראַמאָוויטש האָט נאָר געוואָלט, אַז די לאַגע זאָל אויסגענוצט ווערן צו מאַכן אַן איבערקע־רעניש אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין אַן אַרטיקל דעם 14טן יולי, 1941, אַלץ נאָך אין די ערשטע הדשים פון דעם מערדערישן היטלער־איבערפאַל אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד שרייבט דער פאַרשווערער:

„די סטאַליניסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן האַלטן אין איין רעדן וועגן רוסישן פּאַטריאָטיזם, וועגן נאַציאָנאַלער איינהייט, אָבער אַזוינע ווער־טער ווירקן ווי חוזק אויף יענע מיליאָנען צוהערער אין רוסלאַנד, וואָס

זייערע אומשולדיגע זין אָדער ברידער געפינען זיך אין די קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן פון דער „גע־פּע־או".

„עס איז אויך ניטאָ קיין אַנדער וועג אויף צו פאַרשטאַרקן דעם פראָנט, אויף צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע פון לאַנד, אויף צו העכערן די מאָראַל פון הינטערלאַנד אין רוסלאַנד, ווי צו מאַכן אַ גרינטלעכע ווענדונג אין דער אינעווייניגסטער פּאָליטיק פון דער סאָ־וועטן־רעגירונג.

„אויב דאָס זאָל ניט געטאָן ווערן און טאַקע אין צייט, איז אַ גרוי־סער ספק, צי וועט זיך דער רוסישער פראָנט האַלטן אַזוי לאַנג און אַזוי שטאַרק".

אבראַמאָוויטש און דער „פאָרווערטס" זיינען געווען געגן דעם, אַז די עלאַיס, די מערב־מלוכות, זאָלן עפענען אַ צווייטן פראָנט און דורכדעם דערנענטערן דעם זיג. זיי האָבן נאָר געהעצט געגן דעם סאָוועטן־מאַכט, וועלכער האָט געטראָגן אויף זיך די גרעסטע לאַסט פון דער מלחמה.

די פאַקטן האָבן באַוויזן, אַז די סאָוועטישע מאַסן, סיי די טרופּן, סיי די פּאַרטיזאַנען, האָבן ארויסגעוויזן אַזאַ ליבשאַפט און איבערגעגעבנ־קייט צו זייער לאַנד און צו די פירער פון זייער מלוכה, וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אין אַלע לענדער פון די פאַראייניגטע מלוכות האָט מען באַוואונדערט דעם קאַמף־גייסט פון די סאָוועטישע מאַסן, זייער ליבשאַפט צום לאַנד און צו דער סאָוועטישער רעגירונג, און די בריליאַנטענע מיליטערישע קאָמאַנדע אונטער סטאַלינ'ס אָנפירונג.

אַנטוישטע פון די סאָוועטישע מאַסן, האָבן די פאַרשווערער גענו־מען לייגן האָפענונגען אויף די רעאַקציאָנערע כוחות פון אַנדערע לענדער.

נ. כאַנין, איינער פון די זיילן פון „פאָרווערטס", האָט אין „פריינד", אָרגאַן פון אַרבעטער־רינג, פון חודש יאַנואַר, 1942, געשריבן: „דער לעצטער שאָס איז נאָך ניט געגעבן געוואָרן. דער שאָס וועט קומען פון אַמעריקע און פון דעם שאָס וועט אויך דער סטאַלין־רעזשים צעשאָסן ווערן". (זע פאָטאָסטאַט אויף זייט 25)

די „פאָרווערטס"יסטישע סאָוועטן־האַסער זיינען געווען פאַר איינ־טערעסירט צו שטירצן די סאָוועטן־רעגירונג, ניט רעכענענדיג זיך דער־מיט, וואָס אויף איר פּלאַץ קאָן קומען צאַריזם אָדער פאַשיזם.

אויף אַן אַרגומענט פון אָטאַ באַוער אַז דער טויט פון באָלשעוויזם וואָלט ניט געבראַכט פאַר די סאָציאַליסטן די רעזולטאַטן, וואָס זיי דער־וואַרטן, האָט דער „פאָרווערטס"־שרייבער ס. איוואַנאָוויטש געענטפערט אין „פאָרווערטס" פון 20טן נאָוועמבער, 1932, מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„לאָמיר ניט מורא האָבן פאַרן טויט פון דער באָלשעוויסטישער טיראַניי. לאָמיר מער מורא האָבן פאַר איר לעבן"...

ווען גענעראַל טוכאַטשעווסקי און די אַנדערע פאַררעטער מיט אים זיינען געפונען געוואָרן שולדיג אין אַ פאַרשווערונג אַרונטערצואוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג, האָט דער „פאָרווערטס" צוזאַמען מיט אַנדערע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן געמאַכט גוואַלדן, אַז די סאָוועטן־רעגירונג האָט

נאַפּאָלעאָנ'ס מאַרש אין רוסלאַנד? דעמאָלט האָט געהערשט דער צאַר, וואָס האָט געהאַלטען דאָס רוסישע פאָלק אין קנעכטשאַפט, און דאָך האָט זייער העלדישקייט ניט נאָר געבראָכען נאַפּאָלעאָנ'ס מאַכט אויף דעם רוסישען פראָנט, נאָר איין גאַנץ אייראָפּע. דאָס זעלבע איז געווען מיט דעם קריג, וואָס רוסלאַנד האָט געפירט מיט נאָענט פון 100 יאָר צוריק געגען טערקיי. אויך איצט וועט דעם קריג געווינען ניט סטאַלין, ניט דער סאָוועטישער רעזשים, נאָר דאָס רוסישע פאָלק. דעם קריג געגען היטלער'ן וועט געווינען אַמעריקע און ענגלאַנד, די צוויי פרייע לענדער. דער לעצטער שאָס איז נאָך ניט געגעבען געוואָרען, ער וועט נאָך געגעבען ווערען, און דער לעצטער שאָס וועט זיין פון דער פרייער אַמעריקע — און פון אים וועט אויך, דער סטאַלין רעזשים צעשאָסען ווערען.

עס איז היינט צו טאָג ניטאָ פאַר אונז אידען קיין גרעי

פאָטאָסטאַט פון אַ טייל פון אַן אַרטיקל פון נ. כאַנין אין חודש־זשורנאַל „פריינד", פון יאַנואַר, 1942

דאָ פאַראורטיילט „אומשולדיגע מענטשן". שפּעטער האָט דער „פאָרווערטס" אַליין צוגעגעבן, אַז טוכאַטשעווסקי און גאַמאַרניק זיינען געווען אָנפירער פון אַ פאַרשווערונג געגן סטאַלינ'ען.

אין אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" פון 1טן דעצעמבער, 1938, אין דער סעריע „טויט נומער איינס אָדער נומער צוויי", זאָגט זיך: „איז טאַקע פאָרגעקומען אַ מיליטערישע פאַרשווערונג, אָדער צי האָט סטאַלין דאָס אויך אויסגעטראַכט?

„עס איז אַבסאָלוט ניט נויטיג צו פאַרלייקענען דעם אמת, אַז אַ מיליטערישע פאַרשווערונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויספּיקן, איז יאָ געווען. די אָנפירער זיינען געווען טוכאַטשעווסקי און גאַמאַרניק".

דער שרייבער צעלאָזט זיך מיט אַ סברה, אַז מען האָט פיינט געהאַט סטאַלינ'ען, און אַז „די מיליטערישע פאַרשווערונג האָט געהאַט פאַר זיך אַ גינסטיגן באָדן, און עס איז ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז מען וואָלט זיך ניט געכאַפּט באַצייטנס, וואָלט מען אין אַ שיינעם פרימאָרגן אָדער אפשר אין אַ פינצטערער נאַכט אַרויסגעוואָרפן סטאַלינ'ען פון קרעמל אַ טויטן".

„די מיליטערישע פאַרשווערער זיינען געווען זייער און זייער פאַרזיכ־טיג, אָבער קלאָגנגען האָבן זיך דאָך דערטראָגן צו סטאַלינ'ס אויערן".

איז דאָך קלאָר, אַז אויסער די באַשטעטיגונגען, וואָס זיינען געקומען פון פאַרשיידענע קוואַלן וועגן דער שולד פון די פאַרשווערער, האָט דער „פאָרווערטס" אַליין צוגעגעבן וועגן זייערע פאַרברעכערישע פּלענער. אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעשטעלט דעם „פאָרווערטס" און די אַנדערע העצער מיט חדשים שפּעטער צו קלאָגן אויף דעם אומשולדיגן טוכאַטשעווסקי, וועמען די באָלשעוויקעס האָבן הינגעריכטעט.

## ווי דער „פאָרווערטס" האָט געשטערט דער הילף פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד

אין דער צייט, וואָס אַ גרויסע צאָל פּראָמינענטע אַמעריקאַנער, צווישן זיי רעגירונגס־באַאַמטע, האָבן זיך פאַרנומען מיט גרינדן דעם „ראַשיען וואָר רעליף", כדי צו געבן מעדיצינישע און אַנדערע הילף דער סאָוועטישער אַרמיי און באַפעלקערונג, איז דער „פאָרווערטס" אַרויס מיט אַטאַקעס און אָנגערופן דעם „ראַשיען רעליף" „אַ קאָמוניסטישער רעקעט" און געשריבן, אַז מען דאַרף ניט קיין הילף.

הלל ראָגאָף האָט געשריבן אין „פאָרווערטס" פון 13טן נאָוועמבער, 1941, אַז די אמת'ע הילף, אין וועלכער רוסלאַנד נויטיגט זיך, די מיליטערישע הילף, באַקומט זי פון רוזוועלט'ן און טשוירטשיל'ן... „וואָס אַנבאַלאַנגט אַנדערע סאָרטן הילף... איז דאָ אַ „רעד קראָס" און אויף דעם איז ניט נויטיג קיין באַזונדערע קאָמיטעס און באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס". און כאַנין האָט געשריבן אין „פאָרווערטס" פון 10טן יולי, 1942, אַז מען האָט די פאַרשטייער פונם אַרבעטער־קאָמיטעט געזאָגט אין וואַשינגטאָן, אַז מען דאַרף ניט קיין מעדיצינישע הילף פאַר דער סאָוועטישער אַרמיי, ווייל „דער לענד ליס איז גענוג" און דאָס האָט דער צעשטערער געשריבן נאָך דעם, ווי עס איז פאַרגעקומען אַ מאַסן־מיטינג פון „ראַשיען רעליף" אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן (22טן יוני, 1942), וואו דער שליח פון פּרעזידענט רוזוועלט, הערי האָפּקינס, פאַרוואַלטער פון לענד ליס, האָט גערעדט און צוזאַמען מיט אַנדערע באַרימטע אַמעריקאַנער אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיגקייט צו שיקן מעדיצינישע הילף קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

און די „פאָרווערטס"־לייט אין יעדער לאַנדסמאַנשאַפט אָדער אַנדער אָרגאַניזאַציע, וואו זיי האָבן נאָר געקענט קומען צום וואָרט, האָבן געזוכט ניט צו דערלאָזן, אַז מען זאָל שטיצן דעם „ראַשיען וואָר רעליף".

## זיך ציניש אויסגעלאַכט פון אַפילו פון די סאָוועטישע אידן

ווען די ווילנער רבנים האָבן אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די אידן פון דער וועלט, וואָרנענדיג, אַז היטלער וויל אומברענגען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, דערציילנדיג וועגן די מערדערייען, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, האָבן

זיי אפעלירט, אז מען זאל העלפן פארזיכערן דעם נצחון פון דער סאוועטישער ארמיי. „געדענקט — האט זיך געענדיגט דער רוף — „אז דער נצחון פון דער רויטער ארמיי איז אויך דער נצחון פון אונזער אידיש פאלק".

די „פארווערטס"־לייט האבן דאן אין אן ארטיקל אין „פארווערטס" פון 3טן נאוועמבער, 1941, אויסגעלאכט זיך פון רוף.

די סאוועטישע אידן האבן אין א רוף צו די אידן פון דער וועלט געזאגט: „כל־זמן דער פאשיזם עקזיסטירט, איז די גאנצע וועלט אין געפאר.

„אונזער רוף טראגט זיך צו אייך צוזאמען מיט דער שטימע פון דעם אומשולדיג־פארגאסענעם בלוט פון מיליאנען אידן. אונזער ווארט טראגט זיך צו אייך ווי א שאל־רוף צו ווידערשטאנד און נקמה".

דער רוף איז געווען אונטערגעשריבן דורך אזעלכע פערזענלעכקייטן, ווי איליא ערענבורג, דוד בערגעלסאן, ש. האלקין, ש. מיכאעלס, קלארא יאנג, סערגעי אייזענשטיין, פראפעסאר קאפיצע, און אנדערע פראמינענטע פיגורן פון סאוועטן־פארבאנד.

אבער פארגאסן אידיש בלוט אפעלירט ניט צום „פארווערטס". ער האט געענטפערט מיט א מיאוס'ער אטאקע אויף די שרייבער פונם רוף.

אידישע שרייבער און וויסנשאפטלער פון סאוועטן־פארבאנד האבן אין א ראדיא־רעדע אפעלירט צו די אמעריקאנער אידן און געזאגט:

„דער גורל פון רוסלאנד איז איצט דער גורל פון דער גאנצער מענטשהייט". זיי האבן גערופן צו הילף. די אידישע וועלט האט געענטפערט מיט דערמוטיגונג און הילף.

עס זיינען אפגעשיקט געווארן ענטפערס פון חיים ווייצמאן, מ. מ. אוסישקין, „באארד אוו דזשואיש דעפיוטיס" אין ענגלאנד, און אזוינע בארימטע אמעריקאנער פערזענלעכקייטן, ווי פראפ. אלבערט איינשטיין, דר. פראנץ באאז, דר. חיים זשיטלאווסקי, שלום אש, דר. איזידאר העלד, לעאן קאברין און פיל אנדערע. דער „פארווערטס" איז אבער דאן ארויס מיט א צינישער אפלאכעריי פון דעם ווײ־געשריי פון די סאוועטישע אידן. דער „פארווערטס" האט אלס ענטפער געשריבן אין אן עדיטאריעל דעם 27טן אויגוסט, 1941:

„בלויז פאראכטונג האט דער אויפרוף פון די מאסקווער שרייבער געדארפט ארויסרופן, און ס'איז גוט, וואס די גרופע האט באלד אויך צוגעשיקט איר פאטאגראפיע, אז מ'זאל קענען זען ווער איז ווער".

און דער „פארווערטס" צעלאזט זיך מיט א דאיעז־געשריי, אז די אונטערגעשריבענע אויף דעם רוף זיינען „קאמוניסטישע הויף־שרייבער". מיט דריי טעג שפעטער, דעם 30טן אויגוסט, איז אין „פארווערטס" דערשינען נאך אן ארטיקל פון ב. שעפנער, אונטערן „קעפל": „די אידישע שרייבער פון סאוועט־רוסלאנד און זייער אויפרוף צו די אידן פון דער וועלט". שעפנער לאכט זיך אויס פון די ווערטער אין רוף:

„הערט די קאנאנען פון האמעל, הערט די קולות פון אידישע און

רוסישע פרויען, וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין בערדיטשעוו. איך קענט ניט פאַרמאַכן אייערע אויגן און אייערע אויערן".

שעפּנער ציטירט אָט־די רירנדיגע ווערטער און זאָגט: „טאַקע דער־פאַר, וואָס מיר האָבן די גאַנצע צייט געהאַלטן אָפן אונזערע אויערן און אויגן, רופט ביי אונז אַרויס אַזאַ עקל־געפיל אייער מוסר, אייער אַפּיל".

דאָס איז געשריבן געוואָרן שוואַרץ אויף ווייס אין „פאָרווערטס" פון אויבנדערמאָנטן דאַטום. זאָלן די אידן אין דער וועלט, זאָל דער שארית הפליטה וויסן, אַז אין דער צייט, ווען מען האָט זיי געמאַטערט און גע־ברענט אין די מאַידאַנעקס און אָשוויענטשימס, און זייערע וויי־געשרייען זיינען געשיקט געוואָרן צו די אידן פון דער וועלט דורך די אידישע שריי־בער, וויסנשאַפטלער און רבנים, וועלכע האָבן אַפּעלירט צו דער וועלט, האָט זיך געפונען אַ צייטונג אין אַמעריקע, אַ צייטונג מיט אידישע אותיות, וואָס האָט געזאָגט, אַז דער אַפּיל רופט אַרויס עקל און פאַר־אַכטונג.

צוויי שלוחים פון סאָוועטישן אידנטום, מיכאָעלס און פעפער, זיינען אין 1943 געקומען קיין אַמעריקע אויף דער איינלאַדונג פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, און אין קבלת־פּנים האָבן זיך באַטיי־ליגט כמעט אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, מיט דער אויסנאַמע פון יענע, וועלכע ווערן אינגאַנצן קאָנטראָלירט פון „פאָרווערטס". די אידישע מאַסן פון אַמעריקע האָבן אויפגענומען די צוויי שלוחים מיטן גרעסטן ענטו־זיאַזם, אויף די גרעסטע מיטינגען. זיבן־און־פופציג טויזנט אידן זיינען געקומען אין פּאָלאָ גראַונדס, ניו יאָרק, צו באַגריסן זיי. דער „פאָר־ווערטס "האָט פאַרשוויגן די גרויסע מיטינגען. שעפּטער איז ער אַרויס מיט אַן אַטאַקע אויף די דאָזיגע מיטינגען. קאַהאַן האָט געזאָגט, אַז ער וויל חלילה ניט שטערן דער הילפס־אַרבעט, נאָר עס געפעלן אים ניט די דעלעגאַטן.

דער אַנטי־סאָוועטישער האַס פון די „פאָרווערטס"־לייט איז אַזוי גרויס, אַז די צייטונג איז געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי צו שרייבן, אַז די אידן ווילן בעסער זיין ביי די נאַציס, איידער ביי די סאָוועטן. אָט־די געשיכטעס האָבן אויך פאַרשפּרייט די גלויבנס־גענאָסן פון „פאָרווערטס" אין אייראָפּע.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אַ סך אידן, וועלכע האָבן זיך געקענט ראַטעווען דורך אַנטלויפן אויף דער סאָוועטישער זייט גרעניץ, האָבן עס ניט געטאָן, און זיינען נאָכדעם אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס.

אַ גרויסן סקאַנדאַל האָט דער „פאָרווערטס" פאַראורזאַכט מיט אַ בריוו פון פופציג נאָווידוואָרער לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיך געראַטע־וועט פון די נאַציס. דער בריוו איז געווען געשריבן צום „פאָרווערטס", און האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

„צו דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס": — ליבע ברידער! איך האָב צו אייך אַ גרויסע ביטע. איך, איינער אַ קרבן פון די מיליאָנען אידישע קרבנות פון וועלט־אונטערצינדער היטלער, וואָס ער האָט צוגענומען פון אונז אַלץ, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט און נאָכהער פון די היימען פאַריאָגט, נאַקעט און באָרוועס, שרייב צו אייך.

„מיר האָבן צו פאַרדאַנקען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַניט וואָלטן שוין אַ סך פון אונז געווען אויף יענער וועלט. איך בין דאָ מיט אַ גרופּע פון 50 מאַן אין נאָוואָסיבירסקער רעפּובליק, גאָראָד קעמעראָוו. מען האָט אונז דאָ אַהער געשיקט אויף אַרבעט. מיר זיינען דאָ אָנגעקומען דעם 7טן מאַזשעץ (מערץ) אין אָוונט. מען האָט אונז דאָ זייער גוט אויפגענומען. די סאָוועטישע מענטשן זיינען זייער קולטורעלע און זייער גוטע מענטשן. זיי וויינען אויף אונזער גורל. מיר זיינען פון דער היים ביי 6 ביז 7 טויזנט קילאָמעטער. מיר זיינען שוין קראַנק פון איבערקלערן. מיר ווייסן ניט, וואָס ס'איז מיט אונזערע נאָענטע.

„ליבע ברידער, ראַטעוועט אַרויס פון היטלער'ס גיהנום אונזערע טאַטעס און מאַמעס און ברידער און שוועסטער. איר זאָלט ווייסן, אַז די דייטשן אין פּוילן באַהאַנדלען די אידן ערגער ווי חיות.

„ליבע ברידער, איך בין פון נאָווידוואָר, לעבן וואַרשע. איך האָב צוויי פעטערס אין ברוקלין און קאָזינען אין ניו יאָרק און אַ קאָזין אין ראַטשעסטער. די פעטערס אין ברוקלין הייסן הערש און היימאַן קראַס. דער קאָזין אין ראַטשעסטער הייסט אברהם קאַרדאָוויטש. ער איז אַ שניידער. און צוויי קאָזינען האָב איך אין ניו יאָרק. זיי הייסן אהרן און יעקב יאַדאַנסקי. זיי שטאַמען פון וואַרשע. בעט איך, איר זאָלט דורך אייער געערטער צייטונג אויפזוכן זייער אַדרעס.

„איינציינציג גרים איך מיינע נאָווידוואָרער לאַנדסלייט אין אַמעריקע. איך בעט, אַז ווען זיי וועלן לייענען דעם „פאָרווערטס", זאָלן זיי העלפן אויפריכטן די אַדרעסן פון לאה פייגע לייזער'ס צוויי זין. זיי שטאַמען פון נאָווידוואָר.

מיט אַכטונג,

**שמואל אל. קורלענדער,**
**מאיר קורלענדער".**

צוזאַמען דערמיט איז אויך געווען בייגעלייגט אַ בריוול אויף אָפּ־צוגעבן די אָנקלס. האָט דער „פאָרווערטס" אָנשטאָט צו דרוקן דאָס בריוול, געדרוקט דעם 18טן מאַי, 1940, אַן אַרטיקל אונטער אַ קעפּל: **„די פאַרצווייפלטע לאַגע פון די אידן אין סאָוועט־פּוילן"**, פון איינעם ש. מערעסטאָווסקי. דער אַרטיקל דערציילט, אַז אידן לויפן

צוריק צו די נאַציס און אַז מען צאָלט גרויסע געלטער פאַר אריבערשמוגלען זיך צוריק צו די נאַציס.

די געשיכטע האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון פּראָטעסט צווישן די נאָווידוואָרער לאַנדסלייט, באַזונדערס נאָכדעם ווי די היגע נאָווידוואָרער לאַנדסלייט האָבן אויסגעפונען, אַז זייערער אַ לאַנדסמאַן, אַ בונדיסט, וועלכער האָט אַפּעלירט צו זיי פאַר הילף אַנצופירן מיט „בונדיסטישע טעטיגקייט" אין דער סאָוועטישער ליטע, האָט געפּרואווט באַשטעטיגן דעם ליגן, אַז אידן לויפן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד צו די נאַציס. דער בונדיסט האָבן איבערגעגעבן, אַז אַ געוויסער ישראל קירשטיין, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט צו די היגע לאַנדסלייט און האָט דאָ אַ ברודער, איז אויך פון יענע, וועלכע זיינען „אַנטלאָפן" פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די געשיכטע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין „פאָרווערטס"־„בונד" בלאָף. קירשטיינ'ס ברודער אין אַמעריקע האָט גאָר געקראָגן אַ בריוו פון זיין ברודער ישראל, וואו ער שרייבט אים, אַז ער געפינט זיך אין זלאַטאָוסט, סאָוועטן־פאַרבאַנד, צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער, אַז ער ווערט גוט באַהאַנדלט און הויבט אָן צו גיין אויף קורסן זיך לערנען שרייבן און לייענען רוסיש.

דעם „פאָרווערטס" האָט, ווי עס ווייזט אויס, שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס די סאָוועטן־רעגירונג האָט געראַטעוועט אידן פון די נאַציס, און ניט געלאָזן די „פאָרווערטס"־אַגענטן זיי צוריק פאַרנאַרן צו גיין צוריק צו די נאַצישע מערדער. שרייבט דער „פאָרווערטס" פון פעברואַר 8, 1941, די „שרעקלעכע נייעס" אין אַ ספּעציעלער קעיבל פון זיין קאָרעספּאָנדענט, אַז „סאָוועט־באַאַמטע אין גאַליציע לאָזן ניט ׳געראַטעוועטע׳ אידן אומקערן זיך אין נאַצי־טעריטאָריע" (זע פאָטאָסטאַט אויף זייט 31)

אָט אויף דעם זיינען פּיאיג די „פאָרווערטס"־לייט. דער סקאַנדאַל מיט נאָווידוואָרער בריוו האָט געמאַכט אַ רושם. די נאָווידוואָרער לאַנדסלייט האָבן איבערגעגעבן דעם בריוו צו דער „מאָרגן־פרייהייט" און זי האָט אים אָפּגעדרוקט, ווי זי האָט דאַן געדרוקט טויזנטער בריוו, וואָס זיינען דאַן אָנגעקומען פון אידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און זיינען אַנטלאָפן צו סאָוועטן־פאַרבאַנד.

## „פאָרווערטס" שטיצט קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן

דער „פאָרווערטס" האָט געשטיצט פאַרשווערונגען געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד אָן אונטערשייד פון ווען דאָס איז געקומען.

אין 1923 האָט אַ קאַטוילישער גלח מיטן נאָמען בוטשקעוויטש, וואוינענדיג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָרגאַניזירט אַ בונט אין די אינטערעסן פון דער דאַמאָלסדיגער פאָגראָם־רעגירונג אין פּוילן.

די סאָוועטן־רעגירונג האָט אים גע'משפט, געפונען שולדיג און

הינגעריכטעט. נו, האָט זיך עס דער „פאָרווערטס" צעיאָכמערט און צעיאָמערט וועגן דעם „מאַרטירער" בוטשקעוויטש!

„פאָרווערטס", פעברואַר 7, 1941

# סאָוועטן פאַרמאַכט איין גאַליציע
# לאָזן ניט „געראַטעוועטע" אידען
# אומקערן זיך אין נאַצי טעריטאָריע

[illegible]
פון ש. כאַרדאַזוער

אַנקאַרא, פעב. 7. — די סאָוועטן באַזעצטע טייל גאַליציע, וואָס רוסלאַנד האָט באַקומען, האָבן אַרויסגעגעבן אַן אָרדער צו די פליכטלינגע, וועלכע זיינען געקומען אַהין פון שטעט אין נאַצי פּוילן, אַז די פליכטלינגע טאָרן זיך ניט צוריקקערן אַהיים.
די באַזעצטע באַאַמטע האָבן: איצט אין אַלע אָרטיקע [illegible]

אידן פון פּוילן קיין סיביר, און די אידן מוזן דאָרט אַרבייטן ביי צוואַנגסאַרבייטן. די פליכטלינגען וועלן דערנאָך צוריקקערן זיך אין זייערע פריערדיגע היימען אין נאַצי פּוילן. פילע פון זיי האָבן זיך טאַקע צוריקגעקערט אויך. איצט האָט די סאָוועט רעגירונג אַרויסגעגעבן אַן אָרדער, אַז די פליכטלינגען, וואָס געפינען זיך אין סאָוועטישן טייל פון פּוילן, מוזן דאָרט פאַרבלייבן.

פאָטאָסטאַט פון אַ שטיקל נייעס אין „פאָרווערטס", וואו ער באַקלאָגט זיך, למאַי די סאָוועטן לאָזן ניט אידן אַנטלויפן צו די נאַציס

דעם 5טן אַפּריל, 1923, האָט דער „פאָרווערטס" אָפּגעדרוקט אַן עדיטאָריעל וועגן דעם ענין. ער שרייבט דאָרטן:

„ער איז געווען אַ גלח, אַ רעאַקציאָנערער קאַטוילישער גלח, און ניט קיין פּראָסטער גלח. מיר האָבן אורזאַכן צו דענקען, אַז ער איז געווען אַ שונא פון אידן, אַ פיינט פון סאָציאַליזם, אַ געגנער פון פילע אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען נאָענט און טייער סאָציאַליסטן...

„און דאָך", — זאָגט דער „פאָרווערטס", — „קען מען זיך ניט פאָרשטעלן קיין איינציגן דענקענדיגן סאָציאַליסט, וואָס האָט ניט אַ ציטער געטאָן, ווען ער האָט איבערגעלעזן די גרויזאַמע נייעס וועגן בוטשקעוויטש'עס דערמאָרדונג".

דער „פאָרווערטס" פירט אויס, אַז „אפילו ווען בוטשקעוויטש וואָלט באַלאַנגט צו אַ פּאַרטיי, וואָס איז גרייט אַרוינטערצוּוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג, וואָלט געווען אַ פאַרברעכן אים צו ערשיסן". קאַהאַן „אַליין" האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט געזאָגט: „דיזער קאַטוילישער גלח איז געשטאָרבן מיט אַ מאַרטירער־טויט".

כמעט אַלע אומפּאַרטייאישע קאָרעספּאָנדענטן האָבן באַרעכטיגט די שטראָף געגן דעם פּוילישן גלח־שפּיאָן, אָבער דער „פאָרווערטס" האָט איבערגעדרוקט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון אַן אַנטיסעמיט, קעפּטן מעקאַלאַ, פון „ניו יאָרק העראַלד", וועלכער האָט געשריבן, אַז די „אידישע קאָמיסאַרן" ווילן פאַרכאַפּן די הערשאַפט אין זייערע הענט אין רוסלאַנד, און אַז קאַלינין איז אַ איד.

נו, ווען מען האַלט, אַז איינער מעג זיין אַ שונא פון אידן, אַ ווייסטער רעאַקציאָנער און ער קאָן דאָך זיין אַ מאַרטירער, פאַר וועמען מען דאַרף זיך אָננעמען, אַבי ער איז געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז שוין קיין חידוש ניט, וואָס דער „פאָרוועטס" האָט נאָכדעם געשטיצט אַלערליי סאַבאָטאַזשניקעס און פאַרשווערער געגן דער סאָוועטן־רעגירונג.

אָבער די געשיכטע מיטן פּאָגראָם־גענעראַל דעניקין האָט שוין איבערגעטראָפן אַלע גרעניצן. דעניקין, וועלכער איז געווען פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר צענדליגער טויזנטער דערמאָרדעטע און פּאָגראָמירטע אידן, און וואָס דער „פאָרווערטס" אַליין האָט אין 1919 באַריכטעט וועגן זיינע מערדערייען, איז סוף 1945 געקומען קיין אַמעריקע אָנצו־פירן מיט אַנטי־סאָוועטישע העצערייען. ער איז באַלד געוואָרן אַ מחותן אין דער צייטונג „פאָרווערטס", וואָס דרוקט זיך מיט אידישע אותיות.

דער „פאָרווערטס" האָט דעם 9טן פעברואַר, 1946, אָפּגעדרוקט אַ בריוו פונם בלוטיגן מאַסן־מערדער דעניקין, וואו ער זוכט זיך כלומר'שט צו פאַרענטפערן פאַר זיינע פּאָגראָמען אויף אידן.

דער „פאָרווערטס" האָט דערקלערט, אַז ער האָט אָפּגעדרוקט דעניקין'ס בריוו אין נאָמען פון „פרייע פרעסע" (פאָטאָסטאַט זייט 33)

אין אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" פון 18טן יאַנואַר, 1946, האָט די צייטונג געזוכט ריינצוואַשן דעם פּאָגראָמשטשיק.

דער „פאָרווערטס" שרייבט:

„אָבער דאָ שטעלט זיך די פראַגע: האָט דעניקין אָרגאַ־ניזירט די דאָזיגע פּאָגראָמען? ניין, מוז זיין דער ענטפער. און דאָך טראָגט ער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט...

„ווי זיכער איך בין אין דעם, אַז גענעראַל דעניקין האָט די פּאָגראָמען ניט אָרגאַניזירט, אַזוי זיכער בין איך, אַז ער האָט זיי געדולדעט... ווי אַזוי איז דאָס צו דערקלערן?

„די, וואָס האָבן דעמאָלס געלעבט אין אוקראַינע, וועלן דאָס זייער גרינג פאַרשטיין. ראַבעווען און גזל'ענען האָט דעני־קין געמוזט לאָזן זיין אַרמיי, ווייל געלט אויף אויסצוהאַלטן זיין אַרמיי האָט ער ניט געהאַט, און נעמען ביי די פּויערים אַן געלט האָט מען מורא געהאַט פאַר אויפשטאַנדן; איז געווען דער איינציגער וועג: דערלויבן דער אַרמיי צו נעמען דאָס, וואָס ליגט אַמגרינגסטן.

„און וועמעס אייגנטום איז נאך אזוי הפקר ווי אידיש?..."
אט אזוי האט דער „פארווערטס" זיך באמיט ריינצוואשן דעניקין'ען און אים געגעבן א פרייע פלאטפארמע זיך אליין צו פאר-

זונטאג, פעבּרואר 3, 1946 פארווערטס 7

# פון פאלק צום פאלק

## בריף אין רעדאקציע פון גענעראל דעניקין

מיר האבען ערהאלטען דעם פאלגענדען בריף פון דעם באוואוסטען רוסישען גענעראל דעניקין, וועלכער געפינט זיך איצט אין די פאראייניגטע שטאטען:

„ווערטער רעדאקטאר פון „פארווערטס": —

[illegible] האב זיך דערוואוסט, אז אין [illegible] איז געווען געדרוקט אן ארטיקעל [illegible] וועלכען עס זיינען געמאכט געווארען [illegible] געגען מיר אומבאגרינדעטע [illegible] באליידיגענדע באשולדיגונגען. איך וויל דעריבער אייך אינפארמירען:

1. אז איך האב קיינמאל ניט געהאט און האב אויך איצט ניט קיין שום „געהיימע" אויפגאבען; מיין גאנצען לעבען האב איך געארבייט און ארבייט אויך איצט פאר'ן וואוילזיין פון רוסלאנד און פון רוסישען פאלק. פריהער האב איך אלס מיליטער-מאן געקעמפט מיט געווער. איצט טו איך עס דורך ווארט און שריפט און טו עס אפען פאר די אויגען פון דער גאנצער וועלט;

2. אין פארלויף פון 25 יאהר צייט האב איך בימער געקעמפט געגען פאנגערמאניזם, און דערנאך געגען היטלעריזם. אין א גאנצער רייהע פון מיינע ביכער, בראשירען און אויף עפענטליכע פערזאמלונגען אין פארשיידענע לענדער, אין די הויפט-שטעט פון פינף מלוכות. מיינע ביכער זיינען געווען צווישען די, וואס זיינען פארבאטען געווארען פון דער געסטאפא און קאנפיסקירט געווארען פון אלע בוך-געשעפטען און ביבליאטעקען. די פינף יאהר צייט, וואס פראנקרייך איז געווען אקופירט פון די דייטשען, האב אויפזיכט פון דער דייטשער קאמאנפראנצויזישען דארף אונטער פאליצייאיך געלעבט, אין א פארווארפענעם דאנטור. דאך האב איך ניט אויפגעהערט צו פארשפרייטען אנטי-דייטשע אויפרופען צווישען די רוסישע עמיגראנטען;

3. די כוואליע פון אנטיסעמיטישע שטימונגען האט זיך צוגאסען איבער דרום רוסלאנד אין די יאהרען 1918—1920, מיט א צייט פאר דעם אידער די ווייסע ארמייען זיינען אריין אין די שטעט און שטעטלאך פון דער געוועזענער „טשערטא אסיעדלאסטי". אנטיסעמיטישע שטימונגען זיינען געווען פארשפרייט צווישען דער באפעלקערונג בכלל, צווישען די פעטליוראווצעס, צווישען די אוקראינישע פארטיזאנען, צווישען די רויטע ארמייער, צווישען די „גרינע" און די „ווייסע" ארמייען. ווען די שרעקליכע פלאמען פון גרויזאמקייט און בלוטפארגיסונג האבען אין אנפאנג פון דער רעוואלוציע ארומגעכאפט דאס גאנצע לאנד, זיינען אלע מאראלישע מאסען פארשוואונדען, איז דאס מענשליכע לעבען איז געווארען זעהר ביליג. רוסישע קעפ זיינען דאן נאך א סך מעהר צעשמעטערט געווארען ווי אידישע. ביי דער שרעקליכער אנארדנונג, וואס האט דאן עקזיסטירט, איז קיין מאכט ניט אימשטאנד געווען צו פארמיידען אט-די טראגישע געשעהענישען.

4. די אויבער-קאמאנדע פון די ווייסע ארמייען אין דרום-רוסלאנד האט אנגענומען אלע מעגליכע מיטלען געגען אידישע פאגראמען, ווי אויך געגען אלע אנדערע פארמען פון געוואלט-טאטען, אהן אונטערשייד פון דעם, צי זיי זיינען געווען געריכטעט געגען פראוואסלאווע קריסטען, מאהאמעדאנער אדער אידען. מיר האבען באקעמפט אט-די אויסברוכען פון געוואלט-טאטען דורך ספעציעלע ארדערס, דורך געריכטליכע קאמיסיעס, וואס האבען נאכגעפאלגט די מיליטער; דורך פעלד-געריכטען און דורך אונצעהליגע טויט-אורטיילען געגען די פאגראמשטשיקעס. ווען ניט די אלע מיטלען, וואס מיר האבען אנגענומען, ווען די מיליטער וואלט געהאט אפילו נאר דעם מינדסטען גרונד צו דענקען, אז די העכסטע מיליטערישע מאכט פארדייהט די אידישע פאגראמען אדער אז זי איז אפילו נאר גלייכגילטיג צו זיי, וואלט דער שיקזאל פון די אידען אין דרום-רוסלאנד געווען נאך א סך טראגישער.

אט-די שטעלונג מיינע, ווי אויך די אונגערעכטיגקייט פון דער באשולדיגונג געגען מיר, אז איך בין א „שווארצע מאה'ניק" איז באוואוסט דער גאנצער רוסישער עמיגראציע. אין נאמען פון גערעכטיגקייט בעט איך אייך צו פארעפענטליכען מיין בריף אין אייער צייטונג.

אכטונגספול,

גענעראל א. דעניקין,

געוועזענער הויפט-קאמאנדיר פון די באוואפענטע כחות אין דרום-רוסלאנד

פון דער רעדאקציע: דעם בריף פון גענעראל דעניקין דרוקען מיר אויפ'ן סמך פון 'פרייער פרעסע'. אין דער עצם-פראגע, וואס דעניקין באהאנדעלט אין זיין בריף, ווילען מיר דא איצט ניט אריינגעהן אויף דאס ניי.

ענטפערן. ווען עס קומט צו פאגראמשטשיקעס און רעאקציאנערן איז ביי דעם „פארווערטס" אלעמאל דאס הארץ ווייך. אדרבא, פרוווט

אין נאָמען פון „פרייער פרעסע" אַפּלייקענען אין „פאָרווערטס" די ליגנס, וואָס ער דרוקט וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָדער וועגן די היגע קאָמוניסטן און פּראָגרעסיווע עלעמענטן! איר קענט אפילו פאַר אַ באַצאָלטן אַנאָנס גאַרניט אַריינגעבן אין „פאָרווערטס" וועגן אַזאַ ענין

אב. קאַהאַן האָט אויף דער קאָנווענשאָן פון זיין סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, דעם 1טן דעצעמבער, 1946, געזאָגט, אַז קאַפּיטאַליזם איז דער קלענערער שונא. אָט־די ליניע האָט דער „פאָרווערטס" אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט. די אָפּגעפרעסענע אַלראַיטניקעס און די רעאַקציאָנערע יוניאָן־ביוראָקראַטן אונטער דעם איינפלוס פון „פאָרווערטס" האָבן אַלעמאָל געזוכט אָפּצושוואַכן דעם קאַמף פון די אידישע מאַסן געגן פאַשיזם, געגן אַנטיסעמיטיזם, געגן רעאַקציע, און פירן דעם הויפּט־קאַמף געגן קאָמוניזם און געגן די פּראָגרעסיווע אַרבעטער.

די ווילדע שנאה צום סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ביי די „פאָר־ווערטס"־געגנאָסן אַזוי גרויס, אַז אב. קאַהאַן האָט זיך דערלויבט צו שרייבן אין דער „ניו יאָרק טאַימס" (דעם 7טן יולי, 1940), אַז אונ־טערן צאַריזם איז געווען בעסער, ווי איצט, אונטערן באָלשעוויזם.

„רוסלאַנד איצט איז ערגער ווי רוסלאַנד פון די צאַרן", האָט ער דערקלערט.

קאַהאַן איז געווען באַגייסטערט פאַר דעם מינכען־אָפּמאַך, וואָס האָט אַריינגעשלעפּט די וועלט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווי באַקאַנט, האָט טשעמבערלעין דאַן נאָכגעגעבן היטלער'ן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט, און האָט איגנאָרירט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

קאַהאַן האָט זיך צעלאָזט מיט לויב־געזאַנגען פאַר טשעמבער־לעינ'ען אַלס „אַ מלאך פון שלום".

„טשעמבערלעין האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען אַלס דער שטאַטסמאַן, וועלכער מיידט אויס מלחמה אין אייראָפּע, אַלס דער מאַן, וועלכער ראַטעוועט די וועלט פון אַ גרויסן אומגליק", האָט געשריבן קאַהאַן אין „פאָרווערטס" פון 29טן מאַי, 1938.

און שפּעטער, דעם 15טן יוני, דעם זעלבן יאָר, האָט קאַהאַן געשריבן מיט התפּעלות אויף זיין „דיזען" שפּראַך: „ווען ניט דיזער טשעמבערלעין, וואָלט היטלער זיך שוין אַריינגעכאַפּט אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע".

## היטלער וועט אויפהערן פאַרפאָלגן די אידן, האָט געזאָגט דער „פאָרווערטס"

ווען היטלער האָט גענומען קריגן די מאַכט אין דייטשלאַנד, האָט דער היגער „פאָרווערטס" נאָכגעטאַנצט זיינע דייטשישע געגנאָסן און געשריען, אַז „עס איז ניט געפערלעך". ווען הינדענבורג האָט באַ־שטימט היטלער'ן אַלס קאַנצלער, האָט דער „פאָרווערטס" אין אַן עדי־טאָריעל, דעם 3טן מערץ, 1933, געשריבן:

„אַלע ווייסן דאָך, אַז הינדענבורג איז ניט געוואָרן קיין נאַצי. ער האָט באַשטימט היטלער׳ן אַלס קאַנצלער דערפֿאַר, ווייל היטלער פֿאַרטרעט די גרעסטע פֿאַרטיי אין לאַנד. ער האָט אים אָבער ניט געגעבן קיין מאַכט. אין געגנטייל: הינדענבורג האָט אין דעם היטלער־קאַבינעט אריינגעזעצט אַ מאַיאָריטעט מיניס־טאָרן, וועלכע זיינען טאַקע אויך רעאַקציאָנערן, אָבער אין דער זעלבער צייט ביטערע געגנער פֿון היטלער׳ס פּראָגראַם.

„דערווייל האָט נאָך הינדענבורג די קאָנסטיטוציע ניט גע־בראָכן, און היטלער איז נאָך דערווייל ניט קיין דיקטאַטאָר, נאָר אַ קאָנסטיטוציאָנעלער קאַנצלער”.

אָט אַזוי האָט מען געזוכט צו פֿאַרוויגן דעם עולם אין שלאָף פֿון זיכערקייט, אַז „עס איז ניט געפֿערלעך”. ווען עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ניט נאָר האָט די הינדענבורג־רעגירונג ניט אָפּגעהאַלטן היטלער׳ן פֿון מאַכט, נאָר אַז זי האָט אים געהאָלפֿן קריגן די פֿולע מאַכט, און היטלער איז געוואָרן דער פֿולשטענדיגער דיקטאַטאָר, איז עס ביים „פֿאָרווערטס” ווידער געווען אַ באַווייז, אַז „ס׳איז גוט פֿאַר אידן”.

אין אַן עדיטאָריעל „דער היטלער־זיג אין דייטשלאַנד” אין „פֿאָר־ווערטס” פֿון 6טן מערץ, 1933, זאָגט זיך:

„די היטלער־פּאָן־פּאַפּען רעגירונג האָט איצט אַ מערהייט אין דעם דייטשן רייכסטאַג און אַ מערהייט אין דעם פּרייסישן רייכסטאַג.

„וואָס פֿאַר אַ ווירקונג קאָן דאָס האָבן אויף דער וויטער־דיגער פּאָליסי פֿון דער רעגירונג און אויף דעם וויטערדיגן שיקזאַל פֿון דייטשלאַנד?

„אונז שיינט — דרש׳נט דער „פֿאָרווערטס” — „אַז דער ערשטער רעזולטאַט פֿון דעם דאָזיגן זיג וועט זיין אַ סוף צו די אידיאָטישע סטראַשונקעס אַוועקצושטעלן אויסער געזעץ, פֿאַר־באָטן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי מיט אירע קנאַפּע 5 מיליאָן נאָכ־פֿאָלגער. אַזוי לאַנג ווי די היטלער־פּאָן־פּאַפּען רעגירונג האָט ניט געהאַט קיין מאַיאָריטעט אין פּרייסישן לאַנדטאַג, האָט זי געמוזט אום אָנצוהאַלטן איר מאַכט טראַכטן וועגן תירוצים, פֿאַר־וואָס צו פֿאַרבאָטן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און פּאַרוואָס צו באַזייטיגן פֿון פּאַרלאַמענט די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן. אָן דעם האָט זי ניט געקאָנט קריגן קיין מאַיאָריטעט אין רייכסטאַג. איצט אָבער, ווען זי האָט דאָרט אַ מערהייט, קאָן זי ווערן אַ געזעצלעכע פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג, אפילו ווען אַלע קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן זיינען דאָרט און שטימען געגן איר.

„צוליב דער זעלבער אורזאַך איז מעגלעך, אַז די היטלער־פּאָן־פּאַפּען רעגירונג זאָל איצט אויפגעבן אַ באַ־

דייטנדן טייל פון איר כוליגאַנישער און טעראָריסטישער טאַקטיק" (אונטערגעשטראָכן פון מיר — ס. ד. ל.).

דער עדיטאָריעל מאַכט דעם אויספיר, אַז „די היטלער־רעגירונג וועט אין דער נאָענטער צוקונפט זיך פּרואוון האַלטן אין די ראַמען פון געזעץ און בורזשואזער אָרדענונג", און זאָגט פאָראויס, אַז מען קען באַלד דערוואַרטן, אַז די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע צייטונגען זאָלן ווידערדערשיינען.

אַט אַזוי האָט דער „פאָרווערטס" פאַרזיכערט אויף היטלער'ס נאַמנות, אַז עס קומען גאָר ישועות אויף אידן.

ווען היטלער איז געוואָרן קאַנצלער, האָט דער „פאָרווערטס"־קאָרעספּאָנדענט, יעקב לעשצינסקי, וועלכער איז באַוואוסט מיט זיינע העצערייען געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַרזיכערט אין אַ בריוו פון בערלין דעם 16טן פעברואַר, 1933, אַז היטלער וועט איצט ווערן סטאַטעטשנע.

לעשצינסקי שרייבט וועגן אַן אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין „אַנגריף", וואו געבלס האָט געזאָגט, אַז לעשצינסקי האָט עס אויסגעטייטשט אַז דאָס מיינט אַ באַפעל אָפּצושטעלן פּאָגראָמען און ער פירט אויס: „און אַט איז היטלער שוין דריי טעג קאַנצלער, און דערווייל ווערט דער דאָזיגער טייל פון פּראָגראַם אָפּגעהיט, נאָך מער, אין די הויפּט־צייטונגען פון דער היטלער־פּאַרטיי, האָט מען מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, אָבער טאַקע אינגאַנצן אָפּגעשטעלט...

דאָס קען זיין אַ שטיקל טרייסט—אַ סימן, אַז ווען מ'קומט צו דער מאַכט, מוז מען זיך רעכענען מיט דער וועלט, מען מוז ווערן סטאַטעטשנע".

ווי אַזוי היטלער איז געוואָרן „סטאַטעטשנע", דאַרפן מיר אונזערע לייענער ניט דערציילן. די מאַסן־קברים פון די 6 מיליאָן אידן און פון די מיליאָנען אַנדערע קרבנות זיינען טרויעריגע באַווייזן פון היטלער'ס פירונג. נו, קען מען זאָגן, האָט דער „פאָרווערטס" אַ טעות געהאַט. די צרה איז אָבער, אַז עס איז ניט קיין „טעות", נאָר אַ פּאָליסי, וואָס דער „פאָרווערטס" האַלט אָן ביז היינטיגן טאָג, און וואָס דער „פאָרווערטס" און זיינע סאָציאַל־דעמאָקראַטן וועגדן־אָן ביז איצט.

אין זעלבן יאָר פון היטלער'ס קומען צו מאַכט אין דייטשלאַנד און דורכפירן זיינע בלוטיגע מעשים, האָבן זיינע היגע נאָכפאָלגער, די ניו יאָרקער נאַציס, דורכגעפירט אַ מיטינג אין דער אַרמאָרי, אין מאַנהעטן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי מיט ראָבערט מאַינאָר אין דער שפּיץ, דער אידישער כל־טוער סעמיועל אינטערמייער און אַנדערע זיינען אויפגעטראָטן פאַר דעם דאַמאָלסדיגן מעיאָר אָ'בריין מיט אַ פאַרלאַנג, אַז ער זאָל ניט דערלויבן די נאַציס צו האַלטן דעם מיטינג. אָבער דער רעדבעיטער מאָריס ערנסט, דער איצטיגער ליבלינג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַזוי־גערופענער ליבעראַל פּאַרטיי, איז אויפגעטראָטן מיט אַ פאָדערונג, אַז די נאַציס זאָל ניט פאַרבאָטן ווערן צו האַלטן דעם

מיטינג. דער „ניו לידער", אָרגאַן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַ קעסט־קינד פון „פאָרווערטס", האָט אין אַן עדיטאָריעל דעם 28טן אָק־טאָבער, 1933, אַטאַקירט דעם מעיאָר אַ'ברייען פאַר פאַרבאָטן דעם נאַצי־מיטינג. דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „ניו לידער" האָט געשריבן, אַז אַ סאָציאַליסטישער מעיאָר וואָלט אַזאַ מיטינג ניט פאַרבאָטן.

דער „פאָרווערטס" האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין מיני־מיזירן די געפאַר פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. ב. שוב האָט געשריבן אין „פאָרווערטס" פון 6טן אַפּריל, 1941, אַז „דער סטאַ־ליניזם איז פאַר אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע נאָך אַ מער געפערלעכער פיינט ווי דער היטלעריזם".

ווען אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן דורכגעפירט אַ דעמאָנסטראַציע געגן דער נאַצי־שיף „ברעמען" און אַראָפּגעריסן די נאַצי־פאָן, איז דער „פאָרווערטס" אַרויס מיט אַן עדיטאָריעל דעם 3טן אויגוסט, 1935, און האָט פאַרדאַמט די אַרבעטער פאַר אַזאַ טאַט.

ווען דער „אידישער אַרבעטער־ און פאָלקס־קאָמיטעט געגן פאַ־שיזם און פּאָגראָמען אין דייטשלאַנד", האָט פּראָקלאַמירט און דורכ־געפירט אַן אַנטי־פאַשיסטישן טאָג דעם 24טן יוני, 1933, האָט דער „פאָרווערטס" אין אַן עדיטאָריעל דעם 18טן יוני, געוואָרנט, אַז מען זאָל ניט גיין צו דער דעמאָנסטראַציע. ווען אַ רוף איז אַרויסגעלאָזן גע־וואָרן אין 1937 פאַר אַ וועלט־קאָנגרעס געגן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, האָט דער „פאָרווערטס" אָפּגעדרוקט אַן עדיטאָריעל דעם 4טן יולי, 1937, געגן אַזאַ קאָנגרעס. דער „פאָרווערטס" האָט געשריבן:

„מיר האָבן באַקומען צוגעשיקט פון פּאַריז אַן אויפרוף צו אַלע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס צו באַטייליגן זיך אין דעם וועלט־קאָנגרעס געגן ראַסן־האַס און אַנטיסעמיטיזם, וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אין פּאַריז קומענדן סעפּטעמבער.

„פון וועמען דער דאָזיגער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיטעט באַשטייט, ווייסן מיר ניט, נאָר דער פּרעזידענט איז בערנאַרד לעקאַש".

לעקאַש, ווי באַוואוסט, איז אַ באַוואוסטער פּועלי־ציוניסט אָבער פאַרן „פאָרווערטס" איז ער טריף. בערנאַרד לעקאַש איז טאַקע ניט קיין קאָמוניסט, זאָגט ער, אָבער ער חבר'ט זיך מיט קאָמוניסטן, און דער „פאָרווערטס" וואָרנט געגן דעם קאָנגרעס.

## דער „פאָרווערטס" כשר'ט אַנטיסעמיטן

אונטער אַ „קעפּל" „אַנטיסעמיטיזם אַלס אַ בלבול", נעמט זיך דער מענעדזשינג עדיטאָר פון „פאָרווערטס", הלל ראָגאָף, אין „פאָרווערטס" פון 28טן דעצעמבער, 1944, צו פאַרטיידיגן די ווייסטע רעאַקציאָנערן וויליאַם רענדאָלף הוירסט, קלעיר האָפמאַן, און אַנדערע. ראָגאָף שרייבט:

„אין פאַרבינדונג מיט דעם וויל איך ווידער דערמאָנען די קעיס פון וויליאַם רענדאָלף הוירסט, דער אַרויסגעבער פון די טשעין הוירסט צייַ־טונגען אין גאַנצן לאַנד. געגן אים ווערט שוין פילע יאָרן אָנגעפירט אַ

העצע־קאַמפּאַניע, אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט. דער קאַמפּעין ווערט גע־פירט פון קאָמוניסטן. זיי וואָלטן וועלן פאַרניכטן הוירסטן דערפאַר, וואָס ער איז זייערער אַ געגנער און אויך דערפאַר, וואָס ער איז אַ געגנער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד".

ראַגאָף קאָן דאָס ניט פאַרטראָגן, כאָטש אַלע זיינען באַקאַנט מיט די פאַקטן, אַז הוירסט איז געפאָרן קיין נאַצי־דייטשלאַנד זיך דאָרט פאָ־טאָגראַפירט מיט די נאַצישע הענקערס און געפירט פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיי די גאַנצע צייט, לויבנדיג זייערע אַרבעט. אין „פאָרווערטס" אַליין איז דעם 21טן נאָוועמבער, 1944, דערציילט געוואָרן, ווי אַזוי די הוירסט־צייטונגען פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. דאָס „קעפּל" אי־בערן אַרטיקל איז געווען: „העצע אויף אידישע פליכטלינגע און אימיג־ראַנטן אין הוירסט־צייטונגען". אין דעם אַרטיקל ווערן געבראַכט אַנטי־סעמיטישע אויסצוגן פון וועסטברוק פּעגלער און אַנדערע. אָבער דער פאַר־וואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" שרייבט, אַז „עס איז נאָך ניטאָ אַן ענגלישע צייטונג אין אַמעריקע, וואָס שרייבט אַזוי אָפט און שטאַרק פאַר אידן ווי די הוירסט־צייטונגען". („פאָרווערטס" פון 28טן דעצעמבער, 1944).

ראַגאָף איז אויך געקומען צו הילף דעם באַוואוסטן רעאַקציאָנער און געוועזענעם קאָנגרעסמאַן, האַמילטאָן פיש. פיש האָט גענוצט אַנטי־סעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אין זיין וואַל־קאַמפּאַניע און ער איז אָפן באַ־שולדיגט געווען אין געבן זיינע רעכט פון פרייע פּאָסט־פּריווילעגיעס פאַר אַרויסשיקן נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע אין אַמעריקע. הלל ראַגאָף האָט אָבער אין „פאָרווערטס" פון 4טן סעפּטעמבער, 1941, געשריבן: „די אַטאַקע אויף קאָנגרעסמאַן פיש איז געווען אַן עולה געגן אים און געגן אידן".

דער רעקאָרד פון וויליאַם בוליט, זיי העצעריי צו מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז גוט באַקאַנט. אַמבאַסאַדאָר וויליאַם דאָד האָט אין זיין טאָג־בוך דערקלערט, אַז בוליט איז גענויגט צו פאַשיזם, אַז בוליט האָט געפּרואווט אינטריגעס צו ברעכן דעם בונד צווישן פראַנק־רייך און סאָוועטן־פאַרבאַנד אין צייט פון דער מלחמה. אָבער הלל ראַגאָף שרייבט: „בוליט איז אַ ליבעראַלער מענטש, און ערלעכער מענטש, אַן אויפריכטיגער מענטש" („פאָרווערטס", אָקטאָבער 29טן, 1943). אפילו געגן דעם אַנטיסעמיט דזשעראַלד ק. סמיט וויל ניט ראַגאָף, אַז מען זאָל אָנפירן אַ קאַמף.

„איך האָב זיך קיינמאָל ניט געשראָקן פאַר די פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע גרופּן אין אַמעריקע", — שרייבט ראַגאָף אין „פאָר־ווערטס" פון 30טן נאָוועמבער, 1944. „ביי יעדער געלעגנהייט, וואָס איך האָב נאָר געהאַט, האָב איך אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, אַז די באַוועגונ־גען ווערן געפירט פון אויסוואורפן, פעיקערס און האַלבע משוגעים". „ליידער", זאָגט ראַגאָף, „ווייס איך, אַז אַ סך אידן זיינען געווען גענויגט זיך צוצוהערן בעסער צו די שוואַרצע נביאים, צו די וואָס שרעקן זיי מיט דעם אָנקומען פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, און וואָס צעבלאָזן יעדן

אומגינסטיגן אינצידענט אין אַן אַנטיסעמיטישע פאַרשווערונג".

ראַגאָף זאָגט אויך אָפן אין זיין אַרטיקל אין „פאָרווערטס" פון 7טן מערץ, 1940, אַז קאַמף געגן קאָמוניסטן איז ביי אים די הויפּט־זאַך. ער שרייבט:

„ווען מיר ריידן וועגן באַקעמפן די שונאים פון די עלאָים און פריינט פון היטלער׳ן אין אונזער לאַנד, מיינען מיר פריער פון אַלץ די קאָמוניסטן. אפילו די נאַציס און דירעקטע אַגענטן פון דער היטלער־רעגירונג זיינען ניט אַזאַ געפאַר אין דער הינזיכט ווי די קאָמוניסטן".

פון זיינע אייגענע ווערטער קאָן מען זען, אַז אידן קענען גאָר ניט דערוואַרטן פון „פאָרווערטס", אַז ער זאָל אויפנעמען אַ קאַמף געגן אַנטי־סעמיטיזם. די דיסקרימינאַציעס געגן אידן ביי קריגן באַשעפטיגונג און אין די קאָלעדזשעס, און די שענדלעכע אַטאַקעס, וואָס זיינען פאָרגעקו־מען אין פאַרשיידענע שטעט אין אַמעריקע געגן אידישע רעליגיעזע שולן, זיינען ביים „פאָרווערטס" ניט קיין גרויסער אומגליק.

דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם איז אַ קאָמוניסטישע מאַכערייקע, האָט געשריבן דער „פאָרווערטס"־מיטאַרבעטער ל. פאָגעלמאַן, און האָט געלאָזט איבערדרוקן זיין אַרטיקל אין דעם קאַגליניסטישן בלעטל פון ברוקלין, „דהי טאַבלעט", פון 11טן מערץ, 1944. אין יענעם בלעטל הייסט דער אַרטיקל: „רעד פּלאָט סין ביי דזשואיש דעילי". דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם איז, הייסט עס, „אַ קאָמוניסטישע פאַרשווערונג". (זע פאָטאָסטאַט אויף זייט 40)

אָבער דער „פאָרווערטס" האָט ניט נאָר געשטערט יעדן ערנסטן קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם, נאָר ער שטיצט אויך דירעקט אַ צייטונג, וואָס דרוקט אָפט אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע — דאָס קעסט־קינד פון „פאָר־ווערטס", „דהי ניו לידער".

אין „ניו לידער" פון 27טן אָקטאָבער, 1945, איז דאָ אַן אַרטיקל פון איינעם פון די רעדאַקטאָרן, וויליאַם טשעמבערלעין, וועלכער אַטאַ־קירט דעם פּראָצעס געגן די נאַציס אין נירענבערג און לויבט דעם ענגלישן מאַיאָר ווינוואוד, וואָס האָט געזאָגט, אַז „נאָך אַלעמען האָבן די נאַציס נאָר פאַרניכטעט דעם אָפּפאַל פון דער געטאָ". דאָס האָט זיך גערעדט וועגן די מיליאָנען אידן, וואָס זיינען אויף אַזאַ שרעקלעכן אופן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס.

דער מיטרעדאַקטאָר פון „ניו לידער" פאָדערט אויך אין זעלבן נומער רחמנות פאַר די דייטשישע מערדער און שלאָגט־פאָר אַ ריי פּונקטן, וואָס וואָלטן אינגאַנצן צונישט געמאַכט דעם פּראָצעס געגן די נאַציס.

די אַרטיקלען האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן פּראָטעסט אויף דער אידישער גאַס. אפילו אין אידישע סאָציאַליסטישע ברענטשעס זיינען אָנגענומען געוואָרן פּראָטעסט־רעזאָלוציעס קעגן דעם „ניו־לידער", אָבער דער „פאָרווערטס" האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן זיי.

אפילו אין „וועקער", אָרגאַן פון אידישן סאָציאַליסטישן פאַר־
באַנד, איז געדרוקט געווען אַן אַ־טיקל אונטערן קעפּל „אַ ווייטאָג און

**פון „[illegible]עמיטישן „טאַבלעט"**

THE TABLET, MARCH 11.

# RED PLOT IS SEEN BY JEWISH DAILY

## Finds Anti-Semitism Is Fostered by Professionals

**By L. VOGELMAN**

**(Translation of an article in the Jewish daily "Forward" of Feb. 22, 1944)**

In recent times there has been popularized the campaign against anti-Semitism. We must make [illegible]

which he him[illegible]
a church publi[illegible]
tinually for [illegible]
Catholic Churc[illegible]
ies in the Un[illegible]
Roman Pope.
same Leslie [illegible]
American Jew[illegible]
cause it work[illegible]
National Conf[illegible]
and Jeys which
Semitism. T[illegible]
Christians and
President Roo[illegible]
kie, Governor
Smith and oth[illegible]
This does not [illegible]
he wants "to s[illegible]
lics." Coincid[illegible]
Leslie has long
helping the Co[illegible]
many America[illegible]
organizations,

באַליידיגונג", וואו דער טשעמבערלעין ווערט אַטאַקירט.

ד. שערליצקי האָט געשריבן אין „וועקער" פון 15טן נאָוועמ־
בער, 1945 :

„איך בין זיכער, אַז ווען דער אַרטיקל פון וויליאַם הענרי
טשעמבערלעין, וואָס איז געווען געדרוקט אין „ניו לידער" פון
דעם 27טן אָקטאָבער וועגן דעם פאַרשטייענדיגן נירענבערגער

פּראָצעס, וואָלט דערשינען אין אַ רעאַקציאָנערער צייטונג מיט אַנטיסעמיטישע טענדענצן, ווי, למשל, אין „דעילי ניוס", וואָלט ער אַרויסגערופן אַ שטורעם אין אַ סך פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע קרייזן, באַזונדערס ביי אידן... ווייל דער אַרטיקל האָט געפונען פּלאַץ אין אַ צייטונג, וואָס פּרעטענדירט צו זיין סאָציאַליסטיש, דאַרף דאָס אונז, סאָציאַליסטן, מער ווי טאָן. מיר דאַרפן זיך פילן באַליידיגט און געקרענקט, און עס איז דער חוב פון ערלעכע סאָציאַליסטן צו שטעמפּלען אים מיט דער גאַנצער קראַפט".

אָבער מער ווי אַט־דער קרעכץ איז ניט געהערט געוואָרן. דער „פאָרווערטס" שטיצט דעם „ניו לידער". דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", אב. קאַהאַן, האָט אויסגעפירט, אַז מען זאָל אָפּזאָגן דעם רעדאַקטאָר פון „ניו יאָרק קאָל", דעיוויד קאַרסנער, פאַר ניט אַטאַקירן געגנוג דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער וועגן טשעמבערלעין'ען האָט קאַהאַן אַזוי ניט געהאַנדלט. דער „ניו לידער" ווערט פאַרטיידיגט פון „פאָרווערטס" און געשטיצט מיט די געלטער, וואָס די „פאָרווערטס"־ביוראָקראַטן שלעפּן אַרויס פון אידישע אַרבעטער.

און דער „ניו לידער" האָט ווידער געבעטן רחמים פאַר די נאַציישע מערדער. אין „ניו לידער" פון 9טן יוני פון יענעם יאָר האָט יודזשין לאַיאָנס געבעטן, אַז מען זאָל האָבן איינזען און ניט באַשטראָפן די נאַציישע פאַרברעכער. לאַיאָנס האָט געשריבן:

„וואָס מען דאַרף איז ניט צו רעפאָרמירן דייטשלאַנד, נאָר די גאַנצע מענטשהייט. איצט איז ניט די צייט פאַר נקמה, נאָר פאַר רחמנות; ניט אויף פאַרדאַמען אַנדערע, נאָר צו פאָרשן אונזער אייגענעם געוויסן".

דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „ניו לידער", ליסטאָן אוק, האָט, קומענדיג פון אַ באַזוך אין פּוילן, פאַרטיידיגט דורך דער ראַדיאָ און אין זיין צייטונג דעם אַנטיסעמיטישן פּוילישן גלח הלאָנד, וועלכער האָט נאָך דעם קעלצער פּאָגראָם אויף אידן זיך אָפּגעזאָגט צו פּראָטעסטירן געגן די מערדער, דערקלערנדיג, אַז שולדיג אין די שחיטות איז דער פאַקט, וואָס עס זיינען דאָ „צופיל אידן" אין דער פּוילישער רעגירונג. דער רעדאַקטאָר פון „ניו לידער" האָט געזאָגט, אַז ער איז איינשטימיג מיט אים.

דער „פאָרווערטס" האָט געקענט גאַנץ גרינג אָפּשטעלן די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע און די רחמנות־אַפּילס פאַר די נאַציס אין דעם „ניו לידער". דער „ניו לידער" איז דאָך אַ קעסט־קינד ביי אַ צאָל אידישע יוניאָנס און אַרבעטער־רינג, וואָס ווערן קאָנטראָלירט פון די „פאָרווערטס"־געגנאָסן. טאָ זאָלן די, וועמען עס טוט ווי דאָס האַרץ, וואָס אַזעלכע אַרטיקלען ווערן געדרוקט אין זייער צייטונג, אַרויסלאָזן אַן אַפּיל, אַז מען זאָל ניט געבן קיין געלט צום „ניו לידער" ביז

ער וועט אויפהערן צו זיין אַ מליץ־יושר פאַר די נאַציס. אָבער דאָס ווערט ניט געטאָן. דער „פאָרווערטס" האַלט אין שטיצן דעם „ניו לידער".

## פעגלער איז אַ ליבעראַל ביי ראַגאָפ'ן

דער נאָמען פעגלער איז געוואָרן אַ זידל־וואָרט אין אַמעריקאַנער זשורנאַליזם. געמאַכט פאַר אַ שאַנד־וואָרט האָט עס דער קאָלומניסט וועסטברוק פעגלער, אַ שרייבער אין די הוירסט־צייטונגען. פעגלער האָט זיך טרויעריג באַרימט געמאַכט מיט זיינע ווילדע אַטאַקעס אויף רוזוועלט'ן, אפילו נאָך זיין טויט, און אויף אַלץ, וואָס איז פּראָגרע־סיוו אין אַמעריקע. פעגלער באַנוצט זיך מיט אַנטיסעמיטיזם. ער האָט אָפן פאַרטיידיגט דעם נאַצי דאָגלאַס טשענדלער, וועלכער איז פאַר'־משפּט געוואָרן אַלס היטלער'ס פּראָפּאַגאַנדיסט. פעגלער האָט גע־שריבן, אַז פריידיגן ראַסן־האַס איז ניט אומאַמעריקאַניש. זיין עקס־טרעם־רעאַקציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע איז געווען אפילו צופיל פאַר דער „וואָרלד טעלעגראַם", וואו ער האָט פריער געאַרבעט און איז אָפּגע־זאָגט געוואָרן צוליב די פיל פּראָטעסטן פון די לייענער.

דער „דעילי וואָרקער" האָט אין אַן עדיטאָריעל איינמאָל אויפ־געפאָדערט די צייטונג „וואָרלד טעלעגראַם" אָפּצוזאָגן פעגלער'ן. נו, איז ראַגאָף, דער פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער. אונטער אַ קעפּל „קאָמוניסטישע מוסרים" קאָכט זיך ראַגאָף אין „פאָרווערטס" פון 14טן אָקטאָבער, 1937, אויף דעם „דעילי וואָרקער", הלמאי ער פאָדערט אַזאַ זאַך ווי. אָפּצו־זאָגן דעם שרייבער פעגלער.

„פעגלער, — שרייבט ראַגאָף, — פאַרטרעט דעם קאָנסער־וואַטיוון שטאַנדפונקט. ער איז ליבעראַל אין זיינע אַרויסטרע־טונגען געגן דיקטאַטור. ער איז אָבער אויך אַ געגנער פון די קאָמוניסטן".

ראַגאָף גיט צו, אַז פעגלער קריטיקירט אָפט רוזוועלט'ס „ניו דיל" און אים, פעגלער'ן, געפעלן ניט די מעטאָדן און פירערשאַפט פון דעם סי־אַי־אָ. אָבער, זאָגט ער, די „וואָרלד טעלעגראַם" גלויבט אין דער פּאָליסי פון געבן דעם לעזער פאַרשיידענע שטאַנדפונקטן.

און ראַגאָף צעלאָזט זיך מיט אַ רחמנות־געפיל צו פעגלער'ן, אַז מען וויל אוועקנעמען פון פעגלער'ן די מעגלעכקייט צו מאַכן אַ לעבן. און ראַגאָף רופט אָן די שרייבער פון „דעילי וואָרקער" מוסרים, וועמען מען דאַרף פאַראַכטן.

ראַגאָף האָט גאָרניט פּראָטעסטירט, ווען אַב. קאַהאַן האָט גע־צוואונגען אָפּצוזאָגן אַ רעדאַקטאָר פון „ניו יאָרק קאָל", דעיוויד קראָס־נער, פאַר זיין סימפּאַטיש צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָבער ער קאָכט זיך, ווען מען זאָגט אַ שלעכט וואָרט געגן אַזאַ פּראָ־פאַשיסטישן שריי־בער ווי פעגלער.

אגב אורחא, האָט דער „ליבעראַל" פּעגלער ערשט ניט לאַנג אָפּגעדינט ראַגאָפּ'ס פּריינט, דעיוויד דובינסקי, מיט אַן אַטאַקע. פּעגלער האָט געשריבן, אַז דובינסקי רעדט מיט אַ פרעמד־שפּראַכיגן אַקצענט און אַז „דער אַמעריקאַנער גייסט איז אים פרעמד". ביי פּעגלער'ן איז אפילו דובינסקי אַ ראַדיקאַל. אָט פאַר דעם פּעגלער'ן האָט זיך ראַגאָף איינגעשטעלט און אים אָנגערופן ליבעראַל, אַזוי ווי ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר האַמילטאָן פיש, פאַר קלעיר האָפמאַן, דעם פּאָליסמאַן דריו און אַנדערע פון זייער גלייכן.

## „פאָרווערטס" פאַרטיידיגט עקסטרעמע רעאַקציע אין אַמעריקע

ווי ווייט דעם „פאָרווערטס" גייט אין לעבן צו פאַרטיידיגן די עקסטרעמע רעאַקציע, קאָן דינען דער פאָלגנדיגער פאַקט. די „סיוויל ליבערטיס יוניאָן", אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט פאַרטיידיגן פרייע רעדע אין אַמעריקע, און וועמען קיינער קאָן ניט באַשולדיגן אין סימפּאַטיעס צו קאָמוניזם, האָט אין 1947 אַרויסגעלאָזן אַ ביכל, וואו עס ווערט אָנגעוויזן, אַז מיט די ציווילע פרייהייטן אין אַמעריקע האַלט עס זייער שלעכט, אַז עס ווערן געמאַכט געזעצן, וואָס רויבן אַוועק די פרייהייט פון בירגער, אַז לינטשערייען, ראַסן־האַס, אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציעס פאַרשטאַרקן זיך.

נו, וואָלט מען געקענט דערוואַרטן פון אַן אַרבעטער־צייטונג, פון אַ סאָציאַליסטישער צייטונג, אַז זי זאָל רופן די מאַסן צום קאַמף קעגן דער דאָזיגער רעאַקציע. אָבער דער „פאָרווערטס" זוכט גאָר רעכטפאַרטיגן, פאַרטיידיגן די רעאַקציע. אין „פאָרווערטס" פון 9טן סעפּטעמבער, 1947, הויבט אָן ב. מיימאָן מיט אַ הקדמה, אַז „מיר זיינען דאָ ניט צו געבן באַרעכטיגונג פאַר דער רעאַקציע", און באַלד זאָגט ער:

> „אָבער עס וואָלט געווען צו־נאַאיוו צו ערוואַרטן, אַז אין אַ צייט פון אינערלעכע און אויסערלעכע רייסערייען זאָל דאָס פאָלק זיין גרייט צו מאַכן פּראָגרעסיווע עקספּערימענטן, און זיך לאָזן אויף נייע וועגן. גיכער פירט עס צום פאַרלאַנג זיך אומקערן צום אַלטן".

אפילו דער פינצטערער געזעץ, דער אַזוי־גערופענער „לאָיאַלטי־געזעץ", וואָס ווערט באַטראַכט פון אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן אַלס אַ „מכשפה־געיעג", געפינט אויך באַרעכטיגונג אין „פאָרווערטס". ב. מיימאָן שרייבט: „אפילו אין דעם פאַל קאָן מען ניט ריידן קעגן דעם מיט באַקציינער... ווען מען ציינט אָן, אַז קאָמוניסטן האָבן זיך אַריינגעשמוגלט אין וויכטיגע רעגירונגס־אַמטן". צוזאַמען מיט הוירסט'ן, פּעגלער'ן, רענקין'ען און אַנדערע רעאַקציאָנערן, שטימט איין דער „פאָרווערטס", אַז „די קאָמוניסטישע צרה איז געוואָרן די גרויסע געפאַר פאַר דעם אַמעריקאַנער ליבעראַליזם, אפשר נאָך מער

געפערלעך ווי דער איינגעבוירענער אַמעריקאַנער קאָנסערוואַטיזם". און אַנשטאָט צו שטיצן די „סיוויל ליבערטיס יוניאָן" אין דעם פאַל, פאַלט גאָר דער „פאָרווערטס" ארויף מיט אַן אַטאַקע אויף אָט־דער אָרגאַניזאַציע.

געגאַסע כאַנין, דער אַלטער „צעשיסער", „פאַרבעסערט" עס אין אַ באַרעכטיגונג אין „וועקער" פון 1טן סעפּטעמבער, 1947. ער צעלאָזט זיך מיט דער וואויל־באַקאַנטער רענקין־שפּראַך, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַ „פּאַרטי פון פּאָטענציאַנעלע שפּיאָנען", און ער זאָגט, אַז „מען קען דאָך פּסיכאָלאָגיש פאַרשטיין די, וואָס זיינען פאַר דעם לאָיאַלטי געזעץ". ער גיט צו, אַז אומשולדיגע וועלן ליידן, אָבער די קאָמוניסטן זיינען אין דעם שולדיג, ניט חלילה די רעגירונג. אָט אַזוי טענה'ט כאַנין.

ווען די טאָמאַס־רענקין אומאַמעריקאַנער קאָמיטע האָט סוף 1947 אָנגעהויבן אַ מכשפה־געיעג אויף די פּראָגרעסיווע מאָוווי־שרייבער און אַקטיאָרן פון האָליוואוד און אַלס רעזולטאַט פון אָט־דעם טעראָר זיינען אַ צאָל שרייבער און אַקטיאָרן אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זייערע שטעלעס, האָט דער „ניו לידער" זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון דער אַרבעט פון דער דאָזיגער מכשפה־געיעג קאָמיטע. די צייטונג האָט נאָר קריטיקירט די קאָמיטע, אַז זי פאַרפאַלגט ניט גענוג די קאָמוניסטן. דער „פאָרווערטס" איז אין אַן עדיטאָריעל דעם 29טן נאָוועמבער, 1947, ארויס מיט אַ הסכמה אויף דער אַנטיסעמיטישער און פּראָ־פאַשיסטישער אַקציע פון דער קאָמיטע. דער „פאָרווערטס" האָט געשריבן, אַז „די עטלעכע קאָמוניסטן, וואָס וועלן איצט גע־שלאָגן ווערן, האָבן פאַרדינט דעם שטעקן". אגב, די ערשטע צוויי אָפּ־געזאָגט צו ווערן זיינען געווען די צוויי רעזשיסאָרן, וואָס האָבן פּראָ־דוצירט די בארימטע מאָוווי געגן אַנטיסעמיטיזם, „קראָספּאַיער", די רעזשיסאָרן אַנדריאַן סקאַט און עדוואַרד דמיטריק.

## דער „פאָרווערטס" און סאַקאָ און וואַנזעטי

אין 1920 האָט זיך אין אַמעריקע אָנגעהויבן די בארימט־געוואָרענע קעיס פון סאַקאָ און וואַנזעטי. צוויי איטאַליענישע ראַדי־קאַלן, ניקאָלאַ סאַקאָ, אַ שיך־אַרבעטער, און באַרטעלאָמאָ וואַנזעטי, אַ פּעדלער, זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין מאַסאַטשוזעטס אויף אַ „פרעים־אַפּ" קלאַגע פון מאָרד. אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן האָבן באַלד געזען, אַז דאָס איז אַ מיאוס'ער „פרעים־אַפּ", אַז די צוויי ראַדיקאַלן זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין דער צייט, ווען זיי זיינען געווען פאַר־נומען מיט איינאָרדענען אַ פּראָטעסט־מיטינג געגן דעם, וואָס דער יוסטיץ־דעפּאַרטמענט האָט פאַרפּייניגט זייערן אַ חבר, געטריבן אים צו זעלבסטמאָרד.

אַ גרויסע קאָמיטע האָט זיך געגרינדעט אין באָסטאָן מיט פּראָ־

מינענטע מענטשן אין דער שפּיץ צו פּאַרטיידיגן די אַרעסטירטע. נייעס און אַרטיקלען זיינען וועגן ענין געשיקט געוואָרן צום „פאָרווערטס", אָבער דער „פאָרווערטס" האָט דערפון גאָרנישט געדרוקט. דער „פאָרווערטס" האָט אָנגעהויבן דרוקן נייעס וועגן סאַקאָ און וואַנזעטי ערשט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן זייער פּראָצעס און עס איז שוין געוואָרן אַ „סענסאַציע", וואָס מען האָט ניט געקענט פאַרשווייגן. דער „פאָרווערטס" האָט אפילו שפּעטער פּרעטענדירט, אַז ער שטייט פאַר דער פאַרטיידיגונג פון די צוויי אומשולדיגע קרבנות, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער געהאַלטן אין איין באַשימפּן און אויס־טראַכטן אַלערליי בלבולים געגן יענע, וועלכע האָבן אָנגעפירט די גרויסע פּראָטעסט־באַוועגונג געגן זייער אַרעסט און מאָביליזירט די מאַסן צו פאָדערן זייער באַפרייאונג.

און ווען די „גערעכטיגקייט" פון מאַסאַטשוזעטס האָט דורכ־געפירט דעם ברוטאַלן מאָרד אויף די צוויי ראַדיקאַלן, דעם 22טן אויגוסט, 1927, און די גאַנצע וועלט איז געווען אויפגעשטורעמט געגן דעם דאָזיגן „געזעצלעכן" מאָרד, האָט הלל ראָגאָף געפונען פאַר נויטיג צו פאַרטיידיגן די אַמעריקאַנער „גערעכטיגקייט" און שענדן די נעמען פון די צוויי מאַרטירער. ראָגאָף האָט געשריבן אין דעם „פאָרווערטס" פון 25טן אויגוסט, 1927:

„עס איז אָבער אַ שרעקלעכע אומרעכט צו פאַרדאַמען גאַנץ אַמעריקע, די גערעכטיגקייט פון אַמעריקע, די ציוויליזאַציע צוליב דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאַסאַטשוזעטס.

„פאַר דער עפנטלעכקייט זיינען די צוויי מענטשן גע'משפּט געוואָרן אַלס איינפאַכע פאַרברעכער, אַלס רויבער און „האָלד־אָפּניקעס". פאַר דער וועלט האָבן זיי מיט זיך ניט פאַרגעשטעלט די אַרבעטער־באַוועגונג".

## דער „פאָרווערטס" און די נעגער־פראַגע

מיר, אידן, האָבן אַ גרויסן אינטערעס אין דעם קאַמף פון די נעגערס געגן לינטשערייען און געגן דיסקרימינאַציעס. די בעסטע אידישע פאָרשטייער אַגיטירן, אַז די אידן זאָלן, צוליב זייערע אייגענע אינטערעסן, העלפן די נעגערס אין זייער קאַמף.

אין „פאָרווערטס" ווערן געדרוקט אַרטיקלען געגן לינטשערייען און געגן עוולות געגן נעגערס, אָבער ווען עס קומט צו פּראַקטישער אַרבעט איז דער „פאָרווערטס" „ניטאָ אין דער היים". דער „פאָר־ווערטס" האָט די גאַנצע צייט פון דער באַרימטער סקאָטסבאָראָ־קעיס, ווען 9 נעגער־אינגלעך זיינען געווען אָנגעקלאָגט אויף אַ פרעים־אַפּ קלאַגע, געשטערט דער פאַרטיידיגונג און געהאַלטן אין איין העצן געגן דעם פאַרטיידיגונגס־קאָמיטעט. אַזוי איז עס אויך געווען מיט אַ סך אַנדערע פאַלן, וואו נעגערס האָבן געדאַרפט פאַרטיידיגט ווערן

אלס קרבנות פון פארשווערונגען געגן זיי. אבער די ערגסטע, כמעט אומגלויבלעכע, זאך איז, וואס דער „פארווערטס" איז צוגעשטאנען צו א לינטש־העצעריי געגן נעגערס אין ניו יארק, וואס זיינע הוירסט־ליבלינג צייטונגען האבן אנגעפירט, און ער האט נאך צוגעלייגט אן אייגן קאפיטל.

דאס איז געווען אין יאר 1943. די הוירסט־צייטונגען, די „דעילי ניוס" און אנדערע פאשיסטישע עלעמענטן האבן פריער געהעצט וועגן הארלעם און נאכדעם וועגן דעם נעגער־קווארטאל פון ברוקלין, די בעדפארד סטאיוועסאנט געגנט.

די הויפט־העצער זיינען געווען געלטגייציגע לענדלארדס, וועלכע האבן זיך דערטראכט דערצו, אז זיי קאנען פארגרעסערן זייערע פראפיטן, ווען זיי וועלן ארויסטרייבן די נעגערס פונם קווארטאל. זיי זיינען ארויסגעקומען מיט „סענסאציאנעלע" געשיכטעס וועגן „פארברעכנס", וואס ווערן כלומר'שט באגאנגען אין יענעם קווארטאל. געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס אין ברוקלין, אויך א סך פירער פון סי־אי־א יוניאנס, אידישע קאנגרעגעישאנס, רבנים און כלל־טוער האבן שארף פארדאמט די געפערלעכע כענסאציעס און זיי געשטעמפלט אלס א פארזוך צו פאראורזאכן פאגראמען אויף די נעגערס און ארויסרופן ראסן־מלחמות.

דער פאליציי־קאמישאנער וואלענטאין האט אריינגעשיקט פאליציי צו אונטערזוכן די „פארברעכנס", און זיי האבן געבראכט א באריכט, אז די געשיכטעס זיינען ליגנס און געמיינע, געפערלעכע העצעס.

פארשיידענע ארגאניזאציעס פון ברוקלין, ווייסע און נעגערשע, האבן דורכגעפירט מאסן־מיטינגען, וואס האבן אויף דעם שטארקסטן אופן פארדאמט די העצערייען געגן נעגערס.

אבער דער „פארווערטס", די „סאציאליסטישע" אידישע צייטונג, איז צוגעשטאנען צו די ראסן־העצער. אין „פארווערטס" פון 13טן דעצעמבער, 1943, איז געווען אפגעדרוקט אן ארטיקל פון כלומר'שט אן אומפארטייאישן אויספארשונג־רעפארטער, און דער „רעפארטער" הויבט אן זיין געשיכטע מיט די ווערטער: „אין די לעצטע פאר וואכן ווערט פיל גערעדט וועגן קליין־הארלעם אין ברוקלין. די צייטונגען ברענגען וועגן קליין־הארלעם גאר גרויסע באריכטן.

„דארט איז געווארן א נעסט פון פארברעכער און פארברעכנס. מארדן זיינען דארט אן אפטע דערשיינונג.

„אין די אוונטן האבן ווייסע מענטשן מורא זיך צו באווייזן אין די גאסן. עס איז א געפאר פאר זייערע לעבנס".

דאס זיינען די „פאקטן", וואס דער „פארווערטס" גיט איבער, ווי דאס וואלט געווען א פעסטגעשטעלטער אמת. נאכדעם צעלאזט זיך דער רעפארטער אויף „א שפאציר איבערן קווארטאל" און ער געפינט א אידן, אן אינפארמאטאר, וועלכער גיט אים „די ריכטיגע אינפארמאציעס":

„זעט, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — אַז איר זאָלט מיט קיינעם פון די שווארצע זיך ניט פארטשעפען. טרעט זיי אָפּ דעם וועג, ווען זיי קומען אייך אַנטקעגן. קוקט ניט אויף זיי. ענטפערט זיי ניט, ווען זיי ריידן צו אייך. זיי גייען היינט אַרום מיט אַרויפגעריסענע נעזער. זיי זוכן צו פּראָוואָצירן אַ ווייסן, און אַ מענטשנ'ס לעבן שפּילט ביי זיי קיין ראָל ניט. צווישן יאָ און ניין קאָנט איר דערוויל קריגן מיט אַ מעסער אין זייט. דאָס קאָן אפילו פּאַסירן אין מיטן טאָג".

אָט אַזאַ ווילדע פּאָגראָם־העצע פירט עס אַ אידישע צייטונג. ניט אומזיסט רופט מען זי „די אידישע הוירסט־צייטונג". צי דער רעפּאָרטער האָט טאַקע געטראָפן אַזאַ פאַר'סמ'טן אידן, איז ניט וויכטיג. וויכטיג איז, וואָס דער „פאָרווערטס" גיט איבער נאָר די דאָזיגע אינפאָרמאַציע. דער „פאָרווערטס"־רעפּאָרטער לאָזט שפּעטער זיינע לינטשעריי־אינפאָרמאַטאָרס צעבלאָזן נייע ווילדע העצעס געגן די נעגערס. אַנשטאָט צו דערציילן עפּעס וועגן דיסקרימינאַציעס געגן נעגערס, דערציילט דער „פאָרווערטס"־רעפּאָרטער אין נאָמען פון זיינע אינפאָרמאַטאָרס: „מען האָט זיי צעלאָזן, האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר מיר, — מען צאַצקעט זיך מיט זיי. אין דעם זיינען שולדיג געוויסע פּאָליטישנס".

דערנאָך גייט אַוועק אַ סדרה העצעס פונם זעלבן מין, וואָס די קלו־קלוקס־קלעניקעס אין דער סאַוט און די שקלאַפן־האַלטער פירן געגן די אונטערדריקטע נעגערס.

זיי זיינען „פויל", זאָגט ער. „פּרובירט זיי געבן אַרבעט צו פאַרדינען 60 סענט אַ שעה. זיי ווילן זיך דאָך אויסלאַכן. זיי זיינען שוין געוואוינט צו גרעסערע פאַרדינסטן".

אַז דאָס איז אַן אומגעלומפּערטער ליגן, האָט דער „פאָרווערטס"־רעפּאָרטער גאַנץ גוט געוואוסט פון אַ באַריכט, וואָס דער ניו־יאָרקער רעליף־קאָמישאָנער, אַרנשטיין, האָט איבערגעגעבן. אין יענעם באַריכט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די נעגער־באַפעלקערונג אין דער בעדפאָרד סטאַיוועסאַנט געגנט האָט גערן זיך אָנגעכאַפּט אָן דזשאַבס, וואָס מען האָט זיי געגעבן, און אַ גרויסער טייל איז אַראָפּ פונם רעליף־צעטל. אָבער דער „פאָרווערטס" הזר'ט איבער אַלע אַרגומענטן, וואָס זיינע ליבלינג־צייטונגען פון הוירסטן און אַלע פּראָפעסיאָנעלע נעגער־האַסער און פאַשיסטן גיבן אָן געגן די נעגערס. אַנטי־נעגער אַרטיקלען זיינען דערשינען אויך אין אַנדערע נומערן פון „פאָרווערטס".

אין איין אַרטיקל, דעם 18טן אויגוסט, 1943, קומט דער „פאָרווערטס" מיט אַן „עצה", ווי אַזוי צו לייזן די פּראָבלעם פון ראַסן־האַס אין האַרלעם. די „סאָציאַליסטישע" צייטונג האָט קיין אַנדער לייזונג ניט, ווי:

„עס וואָלט בכלל געווען ווינשנסווערט, אַז אַלערליי סאָרטן אידישע סטאָרקיפּערס און פּראָפעסיאָנאַלן זאָלן זיך אַרויסקלייבן

פון האַרלעם, ווייל קיין סך נחת קענען זיי ניט דערוואַרטן".

וועגן אָנפירן פּראָפּאַגאַנדע געגן ראַסן־האַס און פאַר פרײנטשאַפט צווישן נעגערס און אידן, ווי עס טוען פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, — וועגן דעם, זעט אויס, ווייל דער „פאָרווערטס" ניט וויסן.

## „פאָרווערטס" שטיצט רעאַקציע אומעטום

ביים „פאָרווערטס" זיינען די גרעסטע פאַרברעכער דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און די קאָמוניסטן. פאַר רעאַקציאָנערן און אפילו פאַר אָפענע פאַשיסטן קאָן מען געפינען אין „פאָרווערטס" אַ מליץ־יושר. דער „פאָרווערטס" האָט פאַרטיידיגט די באַפרייאונג פונם ענגלישן אַנטיסעמיט און פאַשיסט לאָרד מאָזלי. ווען מען האָט גע'משפט דעם פראַנצויזישן פאַררעטער, פּיער פּושעי, פאַר זיין פאַרראַט צום פראַנצויזישן פאָלק און פאַר זיין מיטאַרבעטערשאַפט מיט די נאַציס אַלס אינערן־מיניסטער ביי דער פּעטע׳ן־רעגירונג, האָט דער „פאָרווערטס" געפונען פאַר נויטיג צו שרייבן אַן עדיטאָריעל (10טן מערץ, 1944) צו געפינען אַ זכות. פּושעי האָט געהאַלטן, אַז דער קריג איז פאַרלאָרן; מוז מען דעריבער געפינען עפּעס אַ מאָדוס אויף צוזאַמענלעבן מיטן זיגער: אַ פאָלק קען דאָך ניט שטאַרבן!

„פּושעי איז געווען איינער פון די „פּעטעיניסטן", וואָס האָבן געהאָפט צו „מאַנעווורירן" און דערווייל זוכן אַ מיטלוועג: ניט איינצוויירסן זיך מיטן דייטשן זיגער, געגן וועלכן עס איז ניטאָ קיין כוח צו קעמפן, אי ראַטעווען די אומאָפּהענגיגקייט פון פראַנקרייך ווי ווייט עס לאָזט זיך".

פּושעי איז געווען באַשולדיגט אין איבערגעבן צו דער געשטאַפּאָ באַרימטע פראַנצויזישע אינטעלעקטואַלן און פּאַטריאָטן, צווישן זיי אַ צאָל אידן. פּושעי איז געפונען געוואָרן שולדיג און איז דערשאָסן געוואָרן, און אפילו דע־גאָל האָט ניט געוואָלט ענדערן דעם אורטייל פון געריכט. אָבער דער „פאָרווערטס" שרייבט מיט אַ מליץ־יושר'דיגן טאָן וועגן פּושעי'ס מעשים. ער איז געגן דעם שווערן אורטייל און וואָרנט צו זיין פאָרזיכטיגער אין דער צוקונפט מיט אַזוינע ווי פּושעי.

## דער „פאָרווערטס" און שפּאַניע

אין דער צייט, ווען דאָס שפּאַנישע פאָלק האָט מיט זיינע לעצטע כוחות געקעמפט אויפצוהאַלטן זיין דעמאָקראַטישע רעגירונג געגן דעם אָנפאַל פון די פאַשיסטישע עלעמענטן, געפירט פון פראַנקאָ'ן, ווען טויזנטער יונגעלייט, צווישן זיי אַ סך קאָמוניסטן, האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס ניט צו דערלאָזן, אַז די פאַשיסטן זאָלן זיגן, האָט מען געפונען אין „פאָרווערטס" צווישן כלומר'שטע אַרטיקלען געגן די פאַשיסטן אויך אַ צאָל אַרטיקלען מיט אַטאַקעס אויף די בראַווע

פאָרווערטס · פרייטאָג, מאַרטש 10, 1944

# דער פּושע־פּראָצעס אין אַלזשיר

פּושע איז דער געוועזענער אינערן־מיניסטער אין פּעטענ׳ס בעגירונג. [illegible]

די דייטשע באַצווינגער, אָבער זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער קריג איז פאַרלאָרן; מוז מען דעריבער געפינען עפּעס אַ מאָדוס אויף צוזאַמענצולעבן מיט׳ן זיגער: אַ פאָלק קען דאָך ניט שטאַרבן!

אָט דאָס איז געווען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם „מען אין דהי ספּריט״ אין פראַנקרייך אין די יאָהרען 1940־1941. אָט דאָס איז געווען די פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט געשטיצט די פּאָליטיק פון פּעטענ׳ען. נאָר אַ קליינער טייל נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישע און סאָציאַליסטיש־דעמאָקראַטישע עלעמענטן, מיט דע־גאָל׳ן בראָש, פון איין זייט, און לעאָן בלום, פון דער אַנדערער זייט, האָבן געהאַט אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער נויטיגקייט און מעגליכקייט פון אַ ווידערשטאַנד געגען דייטשלאַנד.

פּושע איז געווען איינער פון די „פּעטעניסטען״, וואָס האָבן געהאָפט צו „מאַנעווורירען״ און דערוויילע וואָס צו זוכען אַ מיטעל־וועג: ניט איינצורייסען זיך מיט׳ן דייטשען זיגער, געגען וועלכען עס איז ניטאָ קיין כוח צו קעמפען, אי ראַטעווען די אומאָבהענגיגקייט פון פראַנקרייך, ווי ווייט עס לאָזט זיך.

דאָס איז זיכער ניט געווען קיין העראָאישע, און אפילו ניט קיין ווירדיגע טאַקטיק, אָבער פאַרוואַנדלען דאָס איצט אין אַ יורידישער באַשולדיגונג געגען אַן איינצעלנעם מענשען איז אַ שווערער. בעסטיעס האָבן די שטראָף כשר פאַרדינט. פיל פאַרזיכטיגער וועלען די פיהרער פון פראַנצויזישען נאַציאָנאַל־קאָמיטעט מוזען זיין מיט היין־פּאָליטישע פּראָצעסען, אויב זיי ווילען, אַז דער עפעקט זאָל זיין דער, וואָס זיי שטרעבען צו דערגרייכען. דער בעסטער מיטעל דערצו איז צו שטעלען צום געריכט אמת׳דיגע פאַרברעכער, וועמעס שולד קען געמאַכט ווערען קלאָר פאַר דעם גאַנצען פאָלק, און דאָס פאָלק זאָל ניט האָבען דעם איינדרוק, אַז איין פּאָליטישע פּאַרטיי משפּט דאָ די צווייטע צוליב איהרע קריזעל־אינטערעסען.

דאָס איז אַ פאָטאָגראַפיע פון דעם עדיטאָריעל אין „פאָרווערטס״ פון 10טן מערץ. דאָ ווערט געזאָגט, אַז פּושע איז געווען צווישן די וואָס האָבן „געהאַלטן אַז דער קריג איז פאַרלאָרן״ און אַז מען מוז דעריבער געפינען עפּעס אַ מאָדוס אויף צוזאַמענלעבן מיטן זיגער״. גענוי דאָס וואָס די קוויזלינגס זאָגן און טוען, זיי לעבן זיך צוזאַמען מיט׳ן נאַצישן זיגער! אָט אין דעם זכות פון „צוזאַמענלעבן״, האַלט דער „פאָרווערטס״, אַז פּושע האָט ניט געדאַרפט גע׳משפּט ווערן.

קעמפער אונטערן אויסרייד פון אטאקעס אויף קאָמוניסטן. אפילו נאָכדעם, ווען שפּאַניע איז איבערגענומען געוואָרן פון די פאַשיסטן און די פראַנקאָ־רעגירונג האָט אין דער צייט פון דער מלחמה אָפן קאָאָפּערירט מיט די נאַצים, און אין אַמעריקע איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמפּאַניע, אַז די רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן זאָל אָפּ־ברעכן באַציאונגען מיט פראַנקאָ׳ן, האָט פראַנקאָ געפונען אַ מליץ־יושר אין „פאָרווערטס".

דעם 2טן מערץ, 1943, האָט דער „פאָרווערטס" געשריבן:

„עס איז שוין פיל מאָל דערקלערט געוואָרן, אַז דער אויל, וואָס שפּאַניע קויפט אין אַמעריקע, איז קוים גענוג צו העלפן פאַר אירע אייגענע באַדערפענישן, און ווען זי זאָל אפילו זיין געצוואונגען שטילערהייט צו פאַרקויפן אַ קליינע טייל דערפון די נאַצים, וועט דאָס קיין באַדייטנדע הילף זיי נישט ברענגען".

אין אַן אַנדער אַרטיקל, דעם 6טן נאָוועמבער, 1943, אונטער אַ קעפּל: „פראַנקאָ׳ס דיקטאַטור ווערט ביסלעכווייז דערשטיקט", פאַרזיכערט דער בונדיסט ב. שעפנער, מיטאַרבעטער פון „פאָר־ווערטס", אַז פראַנקאָ איז גאָר דער מלאך פון שלום. „איר קענט איצט זוכן מיט ליכט אין אַלע שפּאַנישע אָפיציעלע רעדעס, באַריכטן און צייטונגס־אַרטיקלען, — שרייבט ב. שעפנער, — און איר וועט ניט געפינען קיין שום אָנצוהערעניש, אַז דייטשלאַנד וועט געווינען די מלחמה. אָפיציעל ווייס איצט ניט די פראַנקאָ־שפּאַניע ווער וועט זיגן. זי ווייס נאָר, אַז דער קריג איז זייער אַ גרויס אומגליק פאַר דער וועלט און עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט, אַז די פעלקער זאָלן אויפ־הערן זיך געגנזייטיג אויסצושעכטן און שליסן פרידן"... שעפנער פאַרזיכערט אויך, אַז די דייטשע שפּיאָנען זיינען שוין פון שפּאַניע אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף יענער זייט ים.

אָט אַזוי ווערט דער הענקער פראַנקאָ אַ מלאך פון שלום ביים „פאָרווערטס".

רעאַקציאָנערן אַלס רעגירער האָבן אַלעמאָל געהאַט דעם פאָרצוג אין „פאָרווערטס". דער „פאָרווערטס" האָט געשטיצט די דאַרלאַן־רעגירונג אין פראַנקרייך, מיכאַילאָוויטש׳ן אין יוגאָסלאַוויע, די גריכישע פאַשיסטן געגן די פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע עלעמענטן, שטיצט איצט די פאַשיסטישע רעגירונגען אין גריכנלאַנד און טערקיי און העלפט די העצער פאַר מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער „פאָרווערטס" האָט אַלעמאָל געהאַט אַ גוט וואָרט צו זאָגן וועגן די פּוילישע פּאַנעס און פּאָגראָם־רעגירונגען. ווען די גרויסע פּאָגראָמען אויף אידן זיינען פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער פּילסודסקי־רעגירונג, האָט דער „פאָרווערטס" געזוכט מיט אַלע אַרגומענטן רייןצוּוואַשן פּילסודסקי׳ן, אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן שפּעטער מיט דעניקינ׳ען. ווען דער פּאָגראָמשטשיק גענעראַל האַלער, וועלכער האָט זיך טרויעריג באַרימט געמאַכט מיט שניידן בערד און

פּאָגראָמעוועןּ אידן אין פּוילן, איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט דער „פּאָרווערטס" דעם 30טן אַפּריל, 1940, געדרוקט אַן עדיטאָריעל, אַז די אידן זאָלן אים אויפנעמען אַלס שליח פון דער פּוילישער רעגירונג, און געזוכט ריינצוואַשן זיינע מעשים. דער „פּאָרווערטס" שרייבט: „גענעראַל האַלער ערקלערט, אַז ער האָט חרטה אויף די טעות'ן, וואָס ער אַליין און די פריערדיגע פּוילישע רעגירונג זיינען באַגאַנגען". דער „פּאָרווערטס" האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן אים צו כשר'ן: „מען קען ניט וויסן, — שרייבט ער, — צי די פּאָגראָמען זיינען געמאַכט געוואָרן מיט גענעראַל האַלער'ס צושטימונג אָדער ניט".

ווען די ענגלישע רעגירונג האָט אין דער צייט פון דער מלחמה באַפרייט דעם פאַשיסט, אַנטיסעמיט און ראַיאָטן־אָנפירער לאָרד מאָזלי, האָט דער „פּאָרווערטס" פאַרטיידיגט די באַפרייאונג. הלל ראָגאָף, דער פאַרטיידיגער פון פּאָליסמאַן דריו, הוירסט, קלעיר האָפמאַן, האַמילטאָן פיש און אַנדערע וויסטע רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטן, האָט געשריבן אַן אַרטיקל אין „פּאָרווערטס" דעם 2טן דעצ., 1943, אַז מאָזלי איז ניט געפערלעך און די ענגלישע רעגירונג האָט גוט געטאָן אים צו באַפרייען. דער באַפרייטער מאָזלי, אונטער דער פּראָטעקציע פון דער בעווין־רעגירונג, זעצט פאָר זיינע אַנטיסעמיטישע און פּאָגראָם העצערייען געגן אידן.

דער „פּאָרווערטס" האָט געשטערט דער הילפס־אַרבעט פאַר פּוילישע אידן. אפילו די אומפּאַרטייאישע זאַמערשטיין־דעלעגאַציע, וואָס איז געקומען פון פּוילן צו די אַמעריקאַנער אידן, איז אַטאַקירט געוואָרן אין „פּאָרווערטס" נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט פאַרטראָטן די פאַראייניגונג פון אַלע אידישע עלעמענטן אין פּוילן און ניט געוואָלט זיך לאָזן אַריינשלעפּן אין פאַרשווערונגען געגן דער פּוילישער רעגירונג. אפילו איצט, ווען אַלע זיינען שוין איבערצייגט, אַז די איצטיגע פּוילישע רעגירונג ראַמט אוים דעם אַנטיסעמיטיזם און גיט די אידן אַלע געלעגנהייטן זיך איינצואָרדענען אין פּוילן, געפינט מען אין „פּאָרווערטס" העץ־אַרטיקלען געגן דער דעמאָקראַטישער רעגירונג.

## דער סקאַנדאַל מיט די אָסטראָווצער פאַררעטער

אַ גרויסן סקאַנדאַל האָט דער „פּאָרווערטס" פאַראורזאַכט אין 1947 מיט זיין אָפענעם אַרויסטריט צו נעמען אונטער זיין שוץ צוויי אידישע פאַררעטער, וועלכע זיינען באַשולדיגט געוואָרן אין זיין נאַציאַגענטן. דאָס זיינען געווען די ברידער אברהם און לייבוש זייפמאַן פון אָסטראָווצע.

די זייפמאַנס, לויט די באַווייזן פון אַ גרויסער צאָל עדות, זיינען געווען שולדיג אין דעם טויט פון טויזנטער אידישע נפשות, וועלכע זיי האָבן איבערגעגעבן צו די נאַציס. עדות האָבן אָנגעוויזן, ווי אַזוי די דאָזיגע פאַררעטער האָבן אַרויסגעפּרעסט געלט פון זייערע אידישע קרבנות, געטריבן אידישע מיידלעך צו שאַנד, אַליין זיך באַטייליגט

אין שלאָגן אידן און זיי איבערגעגעבן צום טויט צו די נאַציס.

די זייפמאַנס זיינען נאָך דער מלחמה געקומען צו פליען אין א לוקסוס-עראָפּלאַן קיין בראַזיל. אָסטראָווצער אידן, וועלכע האָבן זיי דערקענט, האָבן פאַרפירט אויף זיי א משפט אין ריאָ דע־זשאַנעירא און אויף א פאַרזאַמלונג פון איבער טויזנט מענטשן, וואו אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אין ריאָ דע־זשאַנעירא האָבן זיך באַטייליגט, זיינען די זייפמאַן ברידער אריינגעליינט געוואָרן אין חרם. די אידישע באַפעלקערונג פון ריאָ דע־זשאַנעירא האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון די מיאוס'ע נפשות. אָבער די פאַררעטער האָבן געפונען פּלאַץ, וואו זיך צו פאַרטיידיגן — אין דער נ״י יאָרקער אידישער צייטונג „פאָרווערטס", די זעלבע צייטונג, וואָס האָט אין נאָמען פון „פרייער פּרעסע" געגעבן פּלאַץ צו דעם פּאָגראָמשטשיק גענעראַל דעניקין צו פאַרטיידיגן זיך.

דער „פאָרווערטס" האָט געדרוקט זעקס אַרטיקלען צו זוכן פּגימות אויף דעם בראַזיליער חרם; געדרוקט בריוו פון די פאַררעטער און זייערע קרובים, און אונטערדריקט צענדליגער בריוו פון אָסטראָווצער אידן, קרבנות פון די דאָזיגע פאַררעטער, וועמעס פאַמיליעס זיי האָבן אומגעבראַכט.

די אָסטראָווצער לאַנדסלייט אין ניו יאָרק, אונטער דער אויפזיכט פון אָסטראָווצער רעליף, האָט דעם 30טן נאָוועמבער, 1947, דורכגעפירט א משפּט, פאַרגעבראַכט עדות, וועלכע האָבן אַליין געליטן פון די צוויי פאַררעטער, און וועלכע האָבן צוגעזען זייערע מערדערישע טאַטן. די היגע אָסטראָווצער לאַנדסלייט האָבן גוטגעהייסן דעם חרם פון די אידן, אין בראַזיל אויף די צוויי פאַררעטער.

צו דעם משפּט איז איינגעלאַדן געוואָרן חיים ליבערמאַן, מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" און דער שרייבער פון די פאַרטיידיגונגס־אַרטיקלען פאַר די זייפמאַנס. ליבערמאַן האָט אויסגעהערט די אַלע עדות, געזען דעם צאָרן פון די מאַסן. די אָסטראָווצער אידן האָבן פון אים געבעטן איין זאַך, אַז ער זאָל איבערגעבן דאָס עדות־זאָגן פון די באַשולדיגער, אָבער ליבערמאַן, מיט א יאַרמולקע אויפן קאָפּ, האָט גע'טענה'ט, אַז ער מיינט חלילה ניט צו זאָגן, אַז זיי זיינען אומשולדיג, נאָר אַז די שטראָף פון א חרם איז א צו־שאַרפע און אַז ער זוכט נאָר צו באַווייזן די פּגימות פון חרם. דערביי האָט ער געזידלט די אָנגעוויטאָגטע, מיט טרויער אָנגעפילטע פאַרזאַמלטע, זיי אָנגערופן „המון", „מאַב", מיט וועלכע ער וויל זיך ניט רעכענען.

די האַנדלונג פון „פאָרווערטס" האָט אַרויסגערופן א גרויסן פּראָטעסט ניט נאָר פון אָסטראָווצער, נאָר אויך פון אַנדערע אידן.

ליבערמאַן האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" דעם 12טן דעצעמבער, וואו ער חזר'ט איבער זיינע אַרגומענטן וועגן חרם און פירט אויס, אַז עס איז בעסער, אַז „די זאַך זאָל פון זיך אַליין אויסגעלאָשן ווערן". דערמיט האָט ער געוואָלט פאַרענטפערן, וואָס

דער „פֿאָרווערטס" האָט אונטערדריקט און ניט געדרוקט די צענד־ליגער בריוו פֿון אַסטראָווצער אידן, וועלכע האָבן אויפֿגעוויזן די שולד פֿון די פֿאַררעטער, און פּראָטעסטירט געגן ליבערמאַנ'ס אַרטיקל. אָבער דער סקאַנדאַל איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווי נאָכדעם האָט דער „פֿאָר־ווערטס געדרוקט דעם 17טן דעצעמבער, אַ בריוול פֿון אַ לייענער, וואו מען באַדאַנקט ליבערמאַנ'ען פֿאַר „אינטערעסירן זיך מיטן גורל פֿון די אומגליקלעכע ברידער זייפֿמאַן פֿון בראַזיל", און זאָגט „עס רייסט דאָס האַרץ צו לייענען זייערע בריוו, און אז עס וואָלט געווען אַ גרויסע מצווה צו שיקן די ברידער אַפֿידעיווויטס און זיי אַרויסראַ־טעווען פֿון די דאָרטיגע אידישע תקיפֿים".

דאָס איז שוין פּשוט געשפּיט אין פּנים דער אידישער עפֿנטלעכ־קייט. מאַכן נאַצי־אַגענטן פֿאַר מאַרטירער, דאָס קען נאָר דער „פֿאָר־ווערטס", ביי וועמען דער הויפּט־שונא איז סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און די לענדער, וועלכע זיינען פֿריינט פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דער „פֿאָר־ווערטס" איז פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן מיט פּראָטעסט־בריוו. אָבער ביי דעם „פֿאָרווערטס" איז פֿרייע פּרעסע נאָר פֿאַר די דעניקינס און נאַצי־אַגענטן, אָבער ניט פֿאַר אַנדערע.

אַ גרויסער סקאַנדאַל איז אויך אַרויסגערופֿן געוואָרן געגן „פֿאָר־ווערטס" פֿאַר נעמען אונטער זיין שוץ אַ אידישן רב בנימין שולץ, וועלכער האָט אויף זיך גענומען די אויפֿגאַבע צו פֿאַר'מסר'ן אידישע רבנים און אינסטיטוציעס, אַז זיי זיינען קאָמוניסטיש, אָדער נאָכפֿאָל־גער פֿון קאָמוניסטן. דער „רב" האָט געדרוקט זיינע אַרטיקלען אין דער רעאַקציאָנערער „וואָירלד טעלעגראַם". ראַבאַי סטיפֿען ס. וואיז, און אַ צאָל אַנדערע רבנים זיינען אַרויסגעקומען מיט פּראָטעסטן געגן דער שענדלעכער האַנדלונג פֿון דעם מסור. די יאַנקערס שול, וואו ער איז געווען אַ רב, האָט אים אַנטזאָגט פֿון זיין שטעלע פֿאַר דער דאָזיגער האַנדלונג. נו, איז דעם „פֿאָרווערטס" צוגעקומען אַ נייער „מאַרטירער". דער „פֿאָרווערטס" האָט געשריבן עדיטאָריעלס און אַרטיקלען געגן די שולן און רבנים, וועלכע האָבן פֿאַרדאַמט דעם מסור.

דער „פֿאָרווערטס", וועלכער געפֿינט אַ גוט וואָרט פֿאַר האַמילטאָן פֿיש, הוירסט, קלעיר האָפֿמאַן, פֿעגלער, דעניקין, די זייפֿמאַן ברידער און אַנדערע פֿאַררעטער און פּראָ־פֿאַשיסטן, און אַלץ אין נאָמען פֿון אומפּאַרטייאישקייט, האָט אָבער קיינמאָל ניט געפֿונען פֿאַר נויטיג צו זוכן פּגימות אין די אורטיילן געגן צענדליגער אַנטי־פֿאַשיסטן אין אַמע־ריקע און אין אַנדערע לענדער און באַרעכטיגט אַלע שאַנדהאַפֿטן פֿון די ערגסטע רעאַקציאָנערן.

## דער „פֿאָרווערטס" פֿעלשט נייעס

פֿעלשן נייעס אָדער פֿאַרשווייגן זאַכן, ניט באַריכטן די וויכטיג־סטע נייעס, אויב עס איז נאָר גינסטיג פֿאַר דער קאָמוניסטישער באַוועג־גונג אָדער פֿאַרן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, איז אַ געוויינלעכע זאַך אין „פֿאָר־

פאָרווערטס". אַ סך געדענקען די פאַרשיידענע „קעפּלעך" געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד אין צייט פון דער מלחמה, אויך בלאָפערישע נייעס וועגן פאַר־שיידענע רעזולטאַטן פון וואַלן אין דער אַמעריקאַנער לעיבאָר־פּאַרטיי, און אַזוי ווייטער. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס פאָלגנדיגע שטיקל נייעס, פון וועלכן מיר ברענגען דאָ אַ פאָטאָסטאַט:

פאָרווערטס סעפּטעמבער 19,

# קאַרטאָפּעל - פּרײַזן געשניטן

# אויף העלפט אין רוסלאַנד

מאָסקווע, סעפּ. 18. — די רעגירונג האָט היינט פאַרקלענערט אויף פופציג פּראָצענט די פּאַטייטאָ רעשאַנס פון די אַרבייטענדע אין סאָוועטן פאַר־באַנד.

דער שט[illegible] אין די רע־[illegible]
שאַנס פון [illegible]
דרוקט ווי [illegible]
די אַרביי[illegible]
וועלען מ[illegible]
קייפען [illegible]
ברויכען [illegible]
מען" [illegible]
יעדער־[illegible]
פון די „קאַ[illegible]
דערזעלבער [illegible]

זען זיינען פיל העכער — 50 סענט אַ פונט.

אין דער זעלבער צייט, וואָס די רעגירונג האָט געשניטן אויף העלפט די פּאַטייטאָ קאַרטלעך פון אַלע אַר־בייטער און אָנגעשטעלטע, האָבען אַלע רעגירונגס צייטונגען פון לאַנד אָפּגע־דרוקט אַפילו צו דער באַפעלקערונג אָנגעזאָגט די געוועטעניש פון ... אַמען מיט'ן אַפיל פאַר ... טער פּראָדוקציע האָט ... אויך פאַרשפּראָכען ספּע־... ציכענונגען — „אַ העלד ... מעדאַל — צו די סאָוועט־... מערס, וואָס וועלען אַרױנ־... מעהר ווי 11 טאָן פּאַטײ־... אַן אַקער לאַנד.

TIMES, SEPTEMBER 19

**Soviet Cuts Potato Price**

MOSCOW, Sept. 18 (AP)—The price of rationed potatoes was cut 50 per cent in Moscow today. This reduction followed two price slashes in the last three weeks for unrationed potatoes. Potatoes now cost less than at any other time since 1941 and are plentiful.

אין דער „ניו יאָרק טאַימס" און אין אַנדערע צייטונגען איז דעם 19טן סעפּטעמבער, 1947, געווען געדרוקט אַ שטיקל נייעס, איבערגע־געבן פון דער „אַסאָשיעיטעד פּרעס" און אַנדערע נייעס־אַגענטורן, אַז דער פּרייז פון קאַרטאָפל איז געשניטן געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס איז אַ שטיקל נייעס, וואָס איז גינסטיג פאַר דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד. האָט דער „פאָרווערטס" פון זעלבן טאָג גענומען און געפעלשט די נייעס און אָנגעזאָגט אין אַ „קאָפּ", אַז „קאַרטאָפל פּרייזעס געשניטן אויף העלפט אין רוסלאַנד".

דאָס ווייזט ווידער צו וואָס פאַר אַ געמיינהייט דער „פאָרווערטס" איז דערגאַנגען.

## אַרבעטלאָזיגקייט - פאַרזיכערונג

די אַרבעטער אין אַמעריקע, וועלכע געניסן איצט פון אַרבעטלאָזיגקייט-פאַרזיכערונג און געדענקען דעם שווערן קאַמף, וואָס די אַרבעטער האָבן געדאַרפט אָנפירן כדי דאָס צו קריגן, ווי אַזוי די דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטלאָזע זיינען פאַגראָמירט געוואָרן, ווי אַזוי די פירער פון די קאַמפן זיינען אַרעסטירט געוואָרן (צווישן זיי וויליאַם ז. פאָסטער, ראָבערט מאַינאָר און איזראַעל אַמטער), וועלן אויך קיינמאָל ניט פאַרגעסן די מיאוס'ע ראָל, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט געשפּילט אין דעם דאָזיגן קאַמף.

הונדערט טויזנט מענטשן האָבן זיך באַטייליגט אין דער גרויסער, היסטאָרישער דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטלאָזע אויף יוניאָן סקווער דעם 6טן מערץ, 1930. די פּאָליציי האָט געמאַכט אַ בלוט-באָד און אַרעסטירט די פירער פון דער דעמאָנסטראַציע. האָט דער „פאָרווערטס" גע'הוזק'ט פון די אַרבעטלאָזע. אַ „פאָרווערטס"-רעפּאָרטער האָט באַשריבן די דעמאָנסטראַציע, ווי אַ „קאַרניוואַל", וואו „מיידלעך האָבן געוואָרפן לופט-קושן צו די רייטנדע פּאָליסלייט".

אין דער צייט, ווען טויזנטער האָבן אין 1932 געמאַרשירט קיין וואַשינגטאָן אין אַ הונגער-מאַרש צו פאָדערן אַרבעטלאָזיגקייט-פאַרזיכערונג, האָבן די אָפּגעפרעסענע גנאָסן אין „פאָרווערטס" געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פּיקניק און אַז עס איז באַצאָלט פון מאָסקווע.

דער „פאָרווערטס" האָט אין אַן עדיטאָריעל דעם 2טן דעצעמבער, 1932, אונטער אַ קעפּל: „אַ קאָמוניסטישער פּיקניק אין וואַשינגטאָן", געשריבן: „די אַמעריקאַנער צייטונגען גיבן אַ סך פּובליסיטי דעם קאָמוניסטישן הונגער-מאַרש. אַלע רעפּאָרטערס אָבער פון די אַמעריקאַנער צייטונגען האָבן אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די קאָמוניסטישע „הונגער-מאַרטשערס" האָבן ניט אויסגעקוקט ווי מענטשן, וואָס לײַדן הונגער.

„דאָס איז ניט קיין הונגער-מאַרש, נאָר אַ פּיקניק".

דער עדיטאָריעל דרש'נט ווייטער, אַז די בילס פאַרן פּיקניק ווערן באַצאָלט פון דעם זעלבן רייכן פעטער, וואָס צאָלט די בילס פון „דעילי וואָרקער", און אַז „דער דאָזיגער שפּיל איז נויטיג פאַר מאָסקווע".

דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנער ר. אַבראַמאָוויטש האָט דאַן אָפּגעדרוקט אַרטיקלען אין דער „ניו יאָרק טאַימס" מיט ווילדע מעשיות וועגן אַרבעטלאָזיגקייט אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. דאָס האָט געדאַרפט דינען אַלס אַ געגן-ווירקונג צו דער באַוועגונג פאַר אַרבעטלאָזיגקייט-פאַרזיכערונג אין אַמעריקע.

דער „פאָרווערטס" האָט באַקעמפט די אָרגאַניזירונג פון „אַרבעט-

לאָזן קאָונסיל". אָבער ווען די באַוועגונג האָט אַרומגענומען די גרויסע מאַסן פון די אַרבעטלאָזע אין אַמעריקע און איז באמת געוואָרן אַ גרויסע מאַסן־באַוועגונג, האָבן יענע חברה־לייט אָרגאַניזירט אַן אָפּאָזיציע מיטן נאָמען „וואָרקערס אַלאַיענס". אָבער די מיטגלידער פון דער „וואָרקערס אַלאַיענס" האָבן געפאָדערט אַקציע פון זייערע פירער און זיי געצוואונגען צו פאַראייניגן זיך מיטן אַרבעטלאָזן קאָונסיל. דאַן איז שוין ביים „פאָרווערטס" אויך דער „וואָרקערס אַלאַיענס" געוואָרן אַ „קאָמוניסטישע מאַכעריייקע", און ער האָט געזוכט צו אָרגאַניזירן אַ נייע אָפּאָזיציע, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין דערפאָלג. שפּעטער האָט ל. הענדין צוגעגעבן אין „פאָרווערטס", אַז די סאָציאַליסטן האָבן גאָרנישט ניט געטאָן פאַר די אַרבעטלאָזע. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז אַדאַנק דעם, וואָס „מיר" (דאָס הייסט, די גענאָסן) האָבן פאַרנאַכלעסיגט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטלאָזע, איז די קאָמוניסטן געלונגען צו קריגן אַ סך איינפלוס צווישן זיי.

## „פאָרווערטס" אַדווערטאַיזט מיטינג פון לענדלאָרדס

אין יאָר 1932, אין דער צייט פון דער גרויסער אַרבעטלאָזיגקייט, האָבן טויזנטער טענאַנטס אָנגעפירט קאַמפן געגן די לענדלאָרדס (הויז־אייגנטימער), געגן רענט־העכערונגען און געגן עוויקשאָנס (אַרויסזעצונגען פון די דירות). עס זיינען געווען „פאָרווערטס"־גענאָסן, וועלכע האָבן אַליין אַרויסגעזעצט אָרעמע שכנים, און דער „פאָרווערטס" האָט יענע לענדלאָרדס גענומען אונטער זיין שוץ. אָבער דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט דעם 8טן פעברואַר, 1932, אָפּגעדרוקט אַן אַנאָנס פון לענדלאָרדס, וועלכער רופט די לענדלאָרדס צו אָרגאַניזירן זיך געגן די רענט־סטרייקס. (זע פאָטאָסטאַט אויף זייט 57)

מיר וואָלטן געקענט אָנשרייבן ניט איין ביכל, נאָר אַ היבשע צאָל ביכער וועגן דער מיאוס'ער ראָל פון „פאָרווערטס" אויף אַלע געביטן און פרטים, וואָס זיינען נוגע דעם אידישן לעבן: ווי אַזוי דער „פאָרווערטס" איז געוואָרן אַ לאַקעי ביי ענגלאַנד און זוכט מאַכן צונישט די טעראָריסטישע אַקטן פון דער ענגלישער רעגירונג און די אָפענע אַנטיסעמיטישע אויסדרוקן פון ענגלישן אויסערן־מיניסטער בעווין; ווי אַזוי דער „פאָרווערטס" האָט אומעטום געזוכט אַריינברענגען שפּאַלטונגען אין אידישן לעבן; ווי אַזוי די „פאָרווערטס"־גענאָסן האָבן געשטערט דער גרינדונג פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ, זיך כלומר'שט אַנגעשלאָסן און נאָכדעם זיך אָפּגעשפּאָלטן פון איר; ווי אַזוי די „פאָרווערטס"־לייט האָבן געשטערט דער גרינדונג פון דעם אַלוועלטלעכן אידישן קולטור־פאַרבאַנד, און האָבן געגרינדעט די „ציקאָ" בלויז אַלס אַן אָפּאָזיציע, ווען זיי האָבן דערזען, אַז זיי קענען ניט פאַרניכטן דעם „איקוף"; ווי אַזוי די „פאָרווערטס"־גענאָסן האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקענט, צו פאַרכאַפּן די „אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטי", געקראָגן

א מיאוס'ן אָפּשניט פון דער גרויסער מערהייט פון די מיטגלידער און האָבן גענרינדעט אַן אָפּאָזיציע.

דאָס אַליץ וואָלט אָבער פאַרנומען צופיל פּלאַץ. מיר ווילן בלויז צום שלוס ברענגען אַ כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל, ווי אַזוי דער „פאָרווערטס" דינט דער רעאַקציע אַלס אַ מיטל איינצושלעפערן דעם קאַמפסגייסט פון די מאַסן און מאַכן גרינגער פאַר די רעאַקציאָנערן צו עקספּלואַטירן די מאַסן און הערשן איבער זיי.

אין די וואַלן פון 1946 פאַר קאָנגרעסלייט און אַנדערע רעגירונגבאַאַמטע האָבן די רעאַקציאָנערע רעפּובליקאַנער אָפּגעהאַלטן אַ זיג.



פאָרווערטס — מאָנטאַג, פעברואַר 8, 1932

ווייכטיגער אויפרוף צו אַלע לענדלאָרדס

הייגט, מאנטאג, 8טען פעברואר, 8 אוהר אווענט
ווערט גערופען
א ספעשעל מיטינג פון דער „אונערס פראטעקטיוו אסס'ן"
אין עמפּייער מענאָר בילדינג, 70 טהאמפּסאָרד עוו., ברוקלין.

צו פארהאנדלען זעהר וויכטיגע פראגען, ווי אויך די פראגע פון רענט-סטרייקס און טעקסעס. קומט אין מאסען! יעדער לענדלארד ווערט געבעטען מיטברייגען א טעקס-ביל אלס באוויין, אז ער איז א לענדלארד.
עקז. קאמיטע.

זיי האָבן דערוויילט אַ מערהייט אין רעפּרעזענטאַנטן־הויז און אין סענאַט און דערוויילט אַנדערע באַאַמטע. די פירער פון דער אַרבעטערבאַוועגונג, די „ניו דיל" נאָכפאָלגער אין פּאָליטישן לעבן, האָבן באַטראַכט דעם אויסגאַנג פון די וואַלן אַלס אַן אומגליק, און געוואָרנט די מאַסן צו זיין גרייט פאַר די רעזולטאַטן.

די רעזולטאַטן זיינען שוין איצט גוט באַקאַנט: די דורכפירונג פון דעם טאַפט־האַרטלי געזעץ געגן יוניאָנס, די אָפּשאַפונג פון דער „אָ־פּי־עי", וואָס האָט באַשיצט דעם קאָנסומער געגן העכערונגען פון פּרייזן אויף לעבנס־מיטלען; פאַרשיידענע אַנדערע רעאַקציאָנערע געזעצן, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אַדאַנק דער רעפּובליקאַנער מערהייט.

דער „פאָרווערטס" האָט אָבער באַלד נאָך די וואַלן געפונען פאַר נויטיג צו זאָגן, אַז עס איז ניט געפערלעך. עדיטאָריעלס און אַרטיקלען זיינען געשריבן געוואָרן אויפצואווייזן, אַז דער „טייוול איז ניט אַזוי שוואַרץ ווי מען מאָלט אים", און אַז קיין ענדערונג צום שלעכטן וועט ניט פאָרקומען.

# די רעפּובליקאַנער „זיינען ניט געפּערלעך"

מיר וועלן נאָר ברענגען איין ציטאַטע פון אַן אַרטיקל אין דעם „פאָרווערטס" פון 9טן נאָוועמבער, 1946, באַלד נאָך די וואַלן.

אונטער אַ קעפּל „די גרויסע פּאָליטישע איבערקערעניש, וואָס איז די וואָך פאָרגעקומען אין אַמעריקע" שרייבט נ. זאַלאָוויץ:

„קיינער, וואָס האָט די מינדעסטע אַנונג וועגן דעם אמת'ן כאַראַקטער פון אַמעריקאַנער פּאָליטיק, דערוואַרט ניט, אַז דער רעפּובליקאַנער קאָנגרעס, דער 80טער קאָנגרעס, וועט מאַכן אַ פּאַרזוך אָפּצושאַפן די עקזיסטירנדע „ניו דיל" געזעצן, אָדער זיי צו פּאַרקריפּלען. די וואָס מיינען, אַז דער וואַגנער לייבאָר לאָ וועט אָפּגעשאַפט ווערן, אָדער אירגענד וועלכע פון די רוזוועלט־געזעצן, מאַכן זיך נאַריש.

„ס'האָט קיינמאָל ניט פּאַסירט אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, אַז אַ רעפאָרם, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן פון איין פּאַרטיי, זאָל אָפּגעשאַפט ווערן פון דער אַנדערער פּאַרטיי, ווען זי קריגט אַריין די מאַכט אין אירע הענט. אַלטע געזעצן בלייבן. אַלטע רעפאָרמעס בלייבן. אַזוי איז מען זיך נוהג אין אַמעריקע פון אייביג אָן. אוודאי האָט די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אַ רעאַקציאָנערן פליגל... אַזוי ווי די דעמאָקראַטן. די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי ווערט אָבער ניט באַהערשט פון אירע רעאַקציאָנערן".

דער „פאָרווערטס" העצט געגן דעם געוועזענעם וויצע־פּרעזידענט הענרי וואַלאַס, געגן דער „קאָמיטע פאַר פּראָגרעסיווער אַקציע" און געגן אַ סך אַנדערע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע מיט דער זעלבער מאָס, און אָפטמאָל אַ סך מער, ווי די געוועזענע דאַיעז־קאָמיטע און ווי די טאָמאַס־רענקין קאָמיטע.

דער „פאָרווערטס" האָט אין זיין לאַנגער געשיכטע געוויסע פּאַרדינסטן פאַר די אינטערעסן פון די מאַסן, אָבער די דאָזיגע פּאַרדינסטן געהערן ניט צו די איצטיגע פירער און באַלעבאַטים פון „פאָרווערטס", נאָר צו יענע גרויסע מאַסן, וועלכע האָבן שוין לאַנג פּאַרלאָזן דעם „פאָרווערטס" און אויפגעבויט הערלעכע קולטורעלע, עקאָנאָמישע און פּראָטערנאַלע אינסטיטוציעס, וואו דער שונד און פּאַרראַט פון „פאָרווערטס" האָבן ניט קיין ממשלה.

דער „פאָרווערטס" האָט די לעצטע יאָרן פּאַרלוירן אַ סך צירקולאַציע. די אידישע מאַסן דערקענען זיין אמת'ע געשטאַלט און זיי שאָקלען זיך אָפּ פון אים. אָבער, צום באַדויערן, זיינען נאָך דאָ אידן, וועלכע האַלטן נאָך אָן דעם „פאָרווערטס" און דענקען, אַז זיי לייענען אַן „אַרבעטער־צייטונג". די דאָזיגע לייענער דערמאָנען מיך אין אַ מעשה'לע, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט וועגן אַן איירישער לויה.

אַ גרופּע אירלענדער זיינען נאָכגעגאַנגען אַ טויטן־וואָגן צו דער לויה פון זייערן אַ פריינט. מען האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז צוליב דעם

כבוד פון דעם מת זאָלן זיי דעם גאַנצן וועג ביזן בית־עולם גיין מיט זייערע קעפּ איינגעבויגן. זיי האָבן אַזוי געטאָן. אין מיטן וועג האָבן זיי גענומען רעדן צווישן זיך, אַז עס הערט זיך זייער אַ שלעכטער גערוך. אייניגע האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף אויפהויבן די קעפּ און אַ קוק טאָן וואָס עס טוט זיך. אַנדערע האָבן גע׳טענה׳ט, אַז דאָס וועט זיין אַ חילול־הכבוד פאַרן טויטן, אַז מען מוז גיין מיט די קעפּ אַרונטערגעלאָזן. דער געשטאַנק איז אָבער געוואָרן אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן שוין ניט געקענט אויסהאַלטן. ווען זיי האָבן אויפגעהויבן די קעפּ האָבן זיי צו זייער דערשטוינונג דערזען, אַז זיי גייען גאָר נאָך אַ מיסט־וואָגן. דער טויטן־וואָגן איז גאָר אַוועק אין אַן אַנדער ריכ־טונג, און דאָ האָט זיך אונטערגערוקט אַ מיסט־וואָגן, און זיי האָבן געדענקט די גאַנצע צייט, אַז זיי גייען עס נאָך דעם ארון פון זייער חשוב׳ן מת.

דאָס וואָס איז געווען אַמאָל גוטס אין „פאָרווערטס״, איז שוין לאַנג אַוועק מיט די פאַרשיידענע שפּאַלטונגען. געבליבן איז שמוץ און עקל. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס דער „פאָרווערטס״ קריגט לויב־געזאַנגען פון גאָר אַנדערע ריכטונגען. דער אָרגאַן פון „אַמעריקען לידזשאָן״, אַ רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציע, האָט אין 1922 געשריבן אַ לויב־געזאַנג פאַרן „פאָרווערטס״. קאָגלין׳ס צייטונג אין אַמעריקע „סאָשעל דזשאַסטיס״ האָט דעם 2טן אָקטאָבער, 1939, אין אַן אַרטיקל פון דעם פּראָ־פאַשיסטישן גלח קאָרען פאַרטיידיגט דעם „פאָרווערטס״ געגן די אַטאַקעס פון קאָמוניסטן.

דער „פאָרווערטס״ איז ניט איינמאָל געקומען צו הילף די קאָנ־ליניסטן אין דער טראַנספּאָרט אַרבעטער יוניאָן, וועלכע פירן אַ קאַמף געגן דעם אַנטי־פאַשיסט און מוטיגן אַרבעטער־פירער מאַיקל קוויל. דערפאַר איז דער „פאָרווערטס״ חשוב ביי זיי.

## געבעלס ציטירט דעם „פאָרווערטס״

אפילו היטלער׳ס בלוטיגער הונט, געבעלס, האָט אין אַ רעדע אין נירענבערג דעם 10טן סעפּטעמבער, 1936, אין אַן אַטאַקע אויפן סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, געבראַכט ציטאַטן פונם ניו יאָרקער „פאָרווערטס״. (די רעדע איז געווען באַריכטעט אין בערלינער „טאַגעבלאַט״ פון 11טן סעפּטעמבער, 1936).

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ דעלעגאַציע פון פראַנקרייך, וועל־כע האָט באַזוכט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער „פאָרווערטס״ האָט געשריבן, אַז מען האָט געצוואונגען די גאַנצע באַפעלקערונג פון קיעוו צו רייניגן די גאַסן און מען האָט פאַרטריבן די בעטלער פון די גאַסן. געבעלס האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אַזאַ מאַטעריאַל. ער האָט געזאָגט: „אָט זעט וואָס די ניו־יאָרקער

יודן־צייטונג, דער „פאַרווערטס“, זאָגט וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.
(זע פאַטאָסטאַט)



Nr. 431
Morgen-Ausgabe

**Berliner Tageblatt**

2. Beiblatt
Freitag, 11 September 1936

# Deutschland führt gegen Moskau

## Goebbels vor dem Parteikongress: „Wir zeigen der Welt das wahre Gesicht Moskaus“

In seiner Rede vor dem Parteikongress führte Reichsminister Dr Goebbels folgendes aus:

„Wenn in den politisch interessierten Kreisen westeuropäischer Länder das Phänomen des Bolschewismus, wie es sich im Marxismus in der Theorie und im russischen Sowjetstaat in der Praxis zeigt, immer noch als eine geistige Erscheinungsform und ... Realität angesehen wird, mit der sich die Kultur ... und politisch auseinandersetzen musse, so lasst d... einen verhangnisvollen Mangel an Einsichtsvermög... und Wesensstruktur des internationalen Bolschew...

Was wir unter Idee und Weltanschauung zu ... stehen pflegen, hat mit dem, was man Bolschew... nichts zu tun. Es handelt sich bei ihm um einen ... verbrecherischen Wahnsinn, nachweisbar von Jud... von Juden geführt mit dem Ziel der Vernichtung d... Kulturvolker und der Aufrichtung einer interna...

von einer ausserhalb des Landes gelegenen Instanz ihre Befehle empfängt.

Und es ist denn auch so, dass ...

... wie der schimmerlose Politiker des ... Westens auf die Sowjetpropaganda hereinfällt, dafür ist die „Studienreise“ Herriots während der Hungerperiode 1933 ein besonders krasses Beispiel. Hierüber schreibt das gewiss nicht nazi verdächtige New-Yorker Judenblatt „Forward“:

„Am Tage vor der Ankunft der Delegation wurde die gesamte Bevölkerung Kiews um zwei Uhr nachts mobilisiert — zur Säuberung der Hauptstrassen und zum Schmucken der Häuser. Zehntausende von Handen bemühten sich krampfhaft, der verhungerten und verschmutzten Stadt ein europäisches Aussehen zu verleihen. Alle Verteilungsstellen für Lebensmittel, Kooperativläden und dergleichen waren geschlossen. Das Schlangenstehen war verboten. Die verkommenen Horden verwahrloster Kinder, die Hungernden, sie alle waren wie vom Erdboden verschwunden. An den Strassenkreuzungen stolzierten berittene Milizionäre auf gestriegelten Pferden, deren Mähnen mit weissen Bändern durchflochten waren — ein Bild, wie es Kiew nie zuvor und nie später zu sehen bekommen hat.“

### Unter der Abrüstungsparole

Schon im Februar 1932 benutzte der Jude Finkelstein Litwinow eine der zahllosen Genfer Abrüstungskonferenzen, um die ...

mit einer unheildrohenden Prazision anzuhaben ... scheint das geht die ganze Welt an, das ist nicht mehr Sache politischer Weltanschauungstheoretiker, das ist eine Angelegenheit aller Staatsmänner aller Völker, die sich mit d... Frage auseinandersetzen müssen, wenn anders sie nicht ... Verantwortung dafür übernehmen ... Europa in die tiefste Krise und Verwirrung hineingeschleudert wird.

Die Frage des Bolschewismus ist die Frage des Fortbestandes Europas überhaupt. Hier scheiden sich die Geister, hier muss man Partei ergreifen für oder gegen, und zwar mit allen Konsequenzen, die in einer solchen Entscheidung liegen.

דאָס איז אַ פאַטאָסטאַט פון „בערלינער טאַגעבלאַט“, וואו עס איז געווען באַריכטעט
די רעדע פון געבעלס, אין וועלכער ער האָט ציטירט דעם ניו־יאָרקער „פאַרווערטס“

# די מסירה פון „פאָרווערטס" אויף די אימיגראַנטן קיין ארץ־ישראל

אַ מיאוס שטיקל אַרבעט, וואָס שמעקט מיט די נידעריגסטע פּראָוואָקאַציעס, האָט דער „פאָרווערטס" אָפּגעטאָן געגן די אומגילקלעכע אידישע פליכטלינגען, וועלכע האָבן געזוכט צו קומען קיין פּאַלעסטינע. ווי באַקאַנט, האָט די ענגלישע רעגירונג דורכגעפירט פּאָגראָמען אויף די אידן, וואָס זיינען געפאָרן אויף שיפן „אומלעגאַל" קיין ארץ־ישראל. עס זיינען פאָרגעקומען ראַיאָטן און שיסערייען. די בלוטיגע מעשים פון דער ענגלישער רעגירונג אויף דער שיף „יציאה 1947" זיינען גוט באַקאַנט, אויסער דעם טעראָר און פּאָגראָמען וואָס די ענגלישע סאָלדאַטן האָבן דורכגעפירט אין ארץ־ישראל.

דער „פאָרווערטס" האָט אַלע מאָל געזוכט אַ תירוץ צו כשר'ן די מעשים פון זיינע גענאָסן פון דער ענגלישער לעיבאָר רעגירונג. נאָר אין יאַנואַר, 1948, האָט זיך דער „פאָרווערטס" באַנוצט מיט אַ פּשוט'ער פּראָוואָקאַציע, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַנטריסטונג אין די ציוניסטישע און אַלע אידישע קרייזן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן 2 שיפן מיט 12 טויזנט אידישע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען געפאָרן קיין ארץ־ישראל. די שיפן זיינען געווען די „פּאַן קרעסענט" און „פּאַן יאָרק", וועלכע זיינען אַרום 1טן יאַנואַר פאַרכאַפּט געוואָרן אין מיטללענדישן ים דורך ענגלישע קריגס־שיפן. די צוויי שיפן מיט די אַלע פּליטים זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין ציפּערן.

די ענגלישע רעגירונג, לויט אַ קעיבל אין „ניו יאָרק טאַימס", האָט אָנגעגעבן אַ תירוץ פאַר איר האַנדלונג געגן די אידישע אימיגראַנטן אונטער דעם פולן אויסרייד, אַז זיי זיינען קאָמוניסטן.

די „ניו יאָרק טאַימס" פון 1טן יאַנואַר, 1948, האָט איבערגעגעבן אין נאָמען פון אַ הויכער ענגלישער רעגירונגס־קוועלע, „אַז די אימיגראַנטען אויף די צוויי שיפן זיינען געווען פּאָטענציעלע „פינפטע קאָלומניסטן", אַז די 12 טויזנט אידן אָן וויזעס זיינען, ווי מען גלויבט, אַרויסגעפאָרן פון וואַרנא, בולגאַריע, און אַז זיי זיינען דאָס רוב געקליבענע קאָמוניסטן אָדער נאָכלויפער".

אָט מיט דעם אומגעלומפּערטן תירוץ, ווי עס ווייזט אויס, האָט די ענגלישע רעגירונג געוואָלט פאַרדעקן אירע ברוטאַלע מעשים. דער בלבול אויף די אימיגראַנטן האָט, אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט אין די אידישע קרייזן. די אידישע אַגענטור האָט אין אַ ספּעציעלער דערקלערונג, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן צו דער פּרעסע, געזאָגט, „אַז דער בלבול אויף די דאָזיגע אידן איז בייזוויליגע פאַרלוימדונג אויף מענטשן, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען די שווערסטע ליידן און זיינען גרייט פאַר די גרעסטע קרבנות אַבי זיך צו עטאַבלירן אין אַן אייגן היימלאַנד. עס איז אַ ווידערהאָלונג פון ענלעכע סטעיטמענטס פון פּראָפּאַגאַנדיסטן פון ענגלישן אויסערן־מיניסטעריום, בעת דער סעסיע פון דער יונאַיטעד נעישאָנס, און

א פארזוך צו דיסקרעדיטירן פּאַרטישאַן און די אימיגראַציע־פאָרשלאַגן פון דער יו״ען קאָמיסיע. איר אויבן־אויפיגע כונה איז צו שאפן אינ־טערנאַציאָנאַל בייז בלוט און פאַרדאַכט צווישן די גרויסמאַכטן וועלכע האָבן קאָאָפּעריִרט אין דער יו״ען שליכטונג פון דער ארץ־ישראל פּראָ־בלעם".

די ענגלישע רעגירונג איז אויך אַרויסגעקומען מיט אַן אַטאַקע אויף דער אידישער פאַרטיידיגונגס־אָרגאַניזאַציע „הגנה". דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער עמוירדזשענסי קאָונסיל האָט אין נאָמען פון דער גאַנצער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, דעם 9טן יאַנואַר, 1948, אַרויס מיט אַ באַשולדיגונג אויף דער ענגלישער רעגירונג, אַז זי פּראָוואָצירט די שחיטות אויף אידן אין ארץ־ישראל. „די מאַנדאַטן־מאַכט פאַרשווייגט די מערדערייען פון די מופטי־באַנדיטן און פאַרדאַמט די פאַרטיידיגונג פון דער „הגנה", האָט זיך געזאָגט אין דער דערקלערונג.

דער „פאָרווערטס", וועלכער גיט „פרייע פּרעסע" פאַר דעניקינען, האָט אונטערדריקט די דערקלערונגען פון ציוניסטישן קאָונסיל און פון דער אידישער אַגענטור. אַנשטאָט דעם האָט דער „פאָרווערטס" גע־דרוקט דעם 11טן יאַנואַר, 1948, אַ גרויסן אַרטיקל פון זיין מיטאַרבעטער ב. שוב, דעם אַלטן קאָמוניסטן־פרעסער, וועלכער האָט שוין אַמאָל דער־קלערט אין „פאָרווערטס", אַז קאָמוניסטן זיינען אַ גרעסערע געפאַר פאַר אַמעריקע ווי פאַשיסטן. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס ציוניסטן און אַ גרויסע צאָל אידן זיינען דאַנקבאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר זיין מוטיגן און העלדישן איינשטעלן זיך פאַר דער עטאַבלירונג פון דער אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, איז ער, שוב, אַרויס מיט אַ דרשה, אַז סאָוועטן־פאַרבאַנד וויל דערפאַר אַ אידישע מלוכה, כדי „צו עפענען די טירן פון פאַלעסטינע פאַר דער אימיגראַציע פון קאָמוניסטישע אַגענטן. די אָפּשאַפונג פון דער אימיגראַציע־באַשרענקונג אין דעם אידישן טייל פון פאַלעסטינע וועט מאַכן לייכטער פאַרן קאָמינטערן אַריינשמוגלען צווישן די מאַסן נייע אימיגראַנטן, אַ באַדייטנדיגע צאָל געשולטע קאָ־מוניסטישע אַגענטן. אפילו אָפיצערן פון דער רויטער אַרמיי וועלן אויך קענען אויף אַזאַ אופן איינגעשמוגלט ווערן אין דער נייער מלוכה".

אָט מיט דעם געשריי „קאָמוניסטישע אַגענטן" האָט דער „פאָר־ווערטס" נאָך פאַרשטאַרקט די מסירה געגן די אומגליקלעכע אידישע אימיגראַנטן, וועלכע ווילן קומען קיין ארץ־ישראל, און האָט געזוכט צו כשר'ן די האַנדלונג פון דער ענגלישער רעגירונג ניט צו דערלאָזן די שיפן מיט די אידישע אימיגראַנטן אַריינקומען קיין ארץ־ישראל.

דאָס איז אַ מיאוס'ע פּראָוואָקאַציע, דאָס גיט אַ וואָפן אַלע אידישע שונאים צו באַקעמפן די אידישע מלוכה, און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס דער אַנטיסעמיטישער קאָנגרעסמאַן רענקין האָט אין קאָנגרעס דעם 15טן יאַנואַר אויפגעוואָרפן, „אַז די אידן אין ארץ־ישראל ווערן באַהערשט פון קאָמוניסטן".

אַזוי אין אַלע פראַגן, וואו עס האַנדלט זיך וועגן די בעסטע אינ־

טערעסן פון אידישן פאָלק, שטייט דער „פאָרווערטס" אויף דעם זייט פון די אידישע שונאים און דינט דער רעאקציע אלס מסור און פראָוואָקאַטאָר.

צו דער פייערונג פון 50 יאָר „פאָרווערטס" אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן זיינען די מאַסן ניט געקומען, דער זאַל איז געווען האַלב־ליידיג. אָבער דערפאַר האָט דער „פאָרווערטס" געקראָגן לויב־געזאַנגען פון די צוויי גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען אין לאַנד, די „ניו יאָרק טאַימס" און „העראָלד טריביון". די צייטונגען, וועלכע זיינען געווען פאַרנומען מיט אָנפירן אַ קאַמפּאַניע פאַר דעם טאַפט־האַרטלי שקלאַפן־ביל, האָבן אָפּגעגעבן פּלאַץ אויף זייער עדיטאָריעלער זייט צו לויבן די דאָזיגע „אַרבעטער־צייטונג", וועלכע זאָגט, אַז די רעאַק־ציאָנערע רעפּובליקאַנער זיינען גאָרניט אַזוי געפערלעך.

דער „פאָרווערטס" דינט געטריי דער רעאַקציע. ער העלפט איר פאַרשלעפערן די אידישע מאַסן, אַז זיי זאָלן זיין לייכטע קרבנות פאַר די עקספּלואַטאַטאָרס. ער דינט די קאַפּיטאַליסטן אלס אַ מסור, וועלכער שטעמפּלט יעדן ערנסטן קעמפער געגן קאַפּיטאַליסטישער אומגערעכ־טיגקייט אלס אַן „אַגענט פון מאָסקווע". וועמען מען דאַרף פאַרפאָלגן. צוזאַמען מיט הוירסט'ן און אַנדערע פירט ער אָן די העץ־קאַמפּאַניע געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די אידישע מאַסן ווייסן, אַז דער גורל פון אידישן פאָלק ליגט אין דעם אויפקום פון דעם דעמאָקראַטישן גייסט, אין דער פאַרשטאַר־קונג פון די דעמאָקראַטישע כוחות איבער דער וועלט. דער „פאָר־ווערטס", וועלכער שטיצט די מיאוס'ע טרומאַן־דאָקטרין און דעם מאַרשאַל־פּלאַן, וועלכער שטיצט די רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע כוחות אין אייראָפּע, פאַרטרעט ניט די אידישע אינטערעסן, נאָר פאַרראַט זיי.

יעדער ערנסטער איד, וועמען דאָס אידישע פאָלק איז טייער, יעדער ערנסטער סאָציאַליסט, יעדער טרייד־יוניאָניסט און קולטור־מענטש, דאַרף זען צו וואָרענען די אידישע מאַסן געגן דעם טעגלעכן גייסטיגן סם, וואָס דער „פאָרווערטס" פאַרשפּרייט צווישן די אידן.